ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# מועד קטן

בלשון הקודש
ואידיש

211

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת מועד קטן

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת מועד קטן

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖


**הוצאת אמונה,**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מועד קטן פרק ראשון

(דף ה) א **פיסקא** ומציינין על הקברות במועד אמר רבי שמעון בן פזי רמז לציון קברות מן התורה מנין שנאמר (יחזקאל לט) וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון אמר ליה רבינא לרב אשי הא מקמי דליתי יחזקאל (מנא לן) [מאן אמר] ולטעמיך הא דאמר רב הסדא דבר זה מתורת משה לא למדנו עד שבא יחזקאל בן בוזי ולמדנו (יחזקאל מד) כל בן נכר ערל לב וערל בשר לא יבא אל מקדשי הא מקמי דליתי יחזקאל (מנא לן) [מאן אמר] אלא גמרא גמירי לה ואתא יחזקאל ואסמכיה אקרא הכי נמי גמרא גמירי לה ואתא יחזקאל ואסמכיה אקרא. רבי אבהו אמר מהכא (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא טומאה קוראה ואומרת לו פרוש וכן אמר רבי עוזיאל בר בריה דרבי עוזיאל (משמיה) רבה טומאה קוראה לו ואומרת לו פרוש. והאי להכי הוא דאתא הא מיבעיא ליה לגופיה דתניא וטמא טמא יקרא צריך להודיע צערו לרבים ורבים יבקשו עליו

מציינין על הקברות. שעושין סימן על הקברות בסיד וכו' כדי שלא ילכו אוכלי תרומה לשם: וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון. יחזקאל היה מתנבא על העתיד לבא שיעשו ישראל ציונין על עצמות הפגרים המושלכים בארץ ורמז הוא שלא בא הכתוב (אלא) להזהיר לומר שיראה אדם עושה ציון (דמשום היסח אין צריך לציין): (כל בן נכר ערל לב. שנתנכרו מעשיו לאביו שבשמים שנעשה ערל לב ועובד ע"ז כדמפרש בפ"ב דמנחות וכהן): ערל בשר. שמתו אחיו מחמת מילה ולא רצו למולו שיראים פן ימות גם הוא כאחיו לא יבא אל מקדשי לשרתני שאסורין בעבודה: גמירי לה. משני: טמא יקרא. רמז שהטומאה קוראה

## פרק ראשון

א פיסקא. ומציינין. חול המועד מעג מען מאכען אצייכען אויף קברים. מען בנישט דעם קבר מיט וואפנע. מען זאל וויסען אז דאס איז אקבר. כהנים זאלען נים גיין אויף דעם ארט. רבי שמעון בן פזי זאגט פון דער תורה קענען מיר וויסען אז מען דארף מאכען אצייכען אויף אקבר. וואראם עס שטייט אין פסוק יחזקאל הנביא הט גזאגט ער וועט זעהן אביין פון אמענטשין וועט ער מאכען אויף איהם אצייכען. האט רבינא גזאגט צו רב אשי איידער יחזקאל הנביא איז גיוועז ווער האט גזאגט אז מען דארף מאכען אצייכען אויף אקבר. האט רב אשי גזאגט צו רבינא. רב חסדא האט גזאגט די זאך האבען מיר פון דיא תורה פון משה רבינו נים אפ גילערונט. ביז יחזקאל בן בוזי הנביא איז גיקומען אונ האט אונז גילערונט. דער מענטש וואס זיינע מעשים זענען פרעמד צו גאט. אונ די הארץ זיינע איז פאר מאכט צו דינען גאט. אונ דער וואס איז נים גימלת ווייל מען האט זיינע צוויי ברידער מל גיוועז אונ זייא זענען גישטארבען פון דעם מל זיין. האט מען מורא גיהאט איהם מל צו זיין טאמער וועט ער אויך שטארבען. אויב זייא זענען כהנים טארין זייא נים קומען אין מיין מקדש מיך צו בדינען. מקריב זיין קרבנות. וועלען מיר אויך פרעגין איידער יחזקאל הנביא איז גיוועז ווער האט גזאגט דעם דין. נאר מיר מזען זאגען אויף דעם בארג סיני האט גאט גזאגט צו משה דעם דין. אונ מען האט גילערונט דעם דין אויס וויינינג. ביז יחזקאל הנביא איז גיקומען אונ הט גזאגט אפסוק אויף דעם דין. אזוי דא ביי די קברים צייכענען איז אויך אזוי גיוועזן. אויף דעם בארג סיני האט גאט גזאגט צו משה דעם דין. אונ מען האט גילערונט דעם דין אויסווייניג, ביז יחזקאל הנביא איז גיקומען אונ האט גזאגט אפסוק אויף דעם דין. רבי אבהו זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז מען דארף מאכען אצייכען אויף אקבר. עס שטייט אין פסוק וטמא טמא יקרא. דער טמא זאל רופען אונ זאגען איך בין טמא. אלע ריינע מענטשין זאלען זיין אפ גישיידט פון דעם קבר. אונ אזוי הט גזאגט רבי עוזיאל דער אייניקעל פון דעם גרויסען רבי עוזיאל מען דארף מאכען אצייכען אויף דיא טומאה אז דיא טומאה זאל רופען אונ זאגען שיידט אייך אפ פון מיר. פרעגט די גמרא מיינט דען דער פסוק אז דער טמא זאל רופען מען זאל זיך אפ שיידען פון אים. דער פסוק מיינט דאך גאר איין אנדער זאך. וואראם מיר האבען גילערונט וטמא טמא יקרא. דער טמא זאל דר צייכן זיין צער פאר פיל מענטשין. מען זאל בעטין פון זיינעטוועגן ביי גאט ער

זאל

עליו רחמים (וכן מי שאירע בו דבר צריך להודיע לרבים ורבים יבקשו עליו רחמים) אם כן לכתוב וטמא יקרא מאי וטמא טמא יקרא שמע מינה טומאת קוראה לו ואומרת לו פרוש אביי אמר (מהכא) (שם יט) ולפני עור לא תתן מכשול . רב פפא אמר (ישעיה כז) ואמר סולו סולו פנו דרך . רבי חנינא [חיננא] (בריה דרב אידי) אמר (שם) הרימו מכשול מדרך עמי . רבי יהושע בריה דרב אידי אמר (שמות יח) והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה . מר זוטרא אמר (ויקרא טו) והזרתם את בני ישראל מטמאתם . רב אשי אמר (שם יח) ושמרתם את משמרתי עשו משמרת למשמרתי . רבינא אמר (תהלים נ) ושם דרך אראנו בישע אלהים. אמר רבי יהושע בן לוי כל השם אורחותיו (בעולם הזה) זוכה ורואה בישועתו של הקדוש ב"ה שנאמר ושם דרך אראנו בישע אלהים אל תקרי ושם אלא ושם . רבי ינאי הוה ליה ההוא תלמידא דכולי

שתא

**פירוש**

פסרע ולא תכא סלוס ופיזו או ציון : אביי אמר : ציון מכבה : לא תתן מכשול . עשי ציון [על הטומאה שלא יכשלו] (שלא יכשלו בה אדם באותה טומאה ויהיו) נכשלים בה ואוכלי תרומה וטהרות : פנו דרך . עשו דרך פנוי ללכת בו : והזרתם : הפרישם (כל חד וחד טעמיה דנפשיה קאמר) : משמרת . היינו תרומה דכתיב משמרת תרומותי צריכה שמור מטומאה : עשו לה משמרת : ציון שלא תטמא : ושם דרך . (מציב דרך אראנו כעושה ציון) ומעוכב הימן באיזה דרך ילכו : השם אורחותיו . (משנה ו) מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה [ושכר עבירה כנגד הפסדה] : אל תקרי ושם . בשמאל אלא ושם בימין (כמו שמין) : בשבתא דריגלא לא הוה מקבי ליה . משום דלאו כולי עלמא לפירקא ואי מקבי ולא הוה מלי לפרוקיה

---

זאל געהייט ווערן . און אויב איינער איז אן אבל . זאל ער אויך דער ציילען זיין צער פאר פיל מענטשען . מען זאל בעטען ביי גאט פון זיינעטוועגען ער זאל געטרייסט ווערן . ענטפערט די גמרא אויב דער פסוק זאל נאר אזוי מיינען . וואלט געדארפט שטיין אין פסוק וטמא יקרא . ווארום שטייט וטמא טמא יקרא . לערנען מיר פון דעם פסוק דיא זאך אויך . אז דער טמא זאל רופען און זאגען מען זאל זיך אפ שיידען פון איהם . אביי זאגט עס שטייט אין פסוק פאר אבלינדען זאלסטו ניט געבען קיין שטרויכלונג . פון דאנען וויסען מיר אז מען דארף מאכען א ציייכען אויף א קבר . קיינער זאל נישט טמא ווערען . רב פפא זאגט עס שטייט אין פסוק סולו סולו פנו דרך . מען זאל אויס ראמען און מאכען אריינעם וועג עס זאל ניט זיין אין וועג קיין טומאה . רבי חנינא זאגט עס שטייט אין פסוק הרימו מכשול מדרך עמי . איר זאלט אוועק נעמען אלע שטרויכלונג פון דער וועג וואס מיין פאלק גייט אויף איר . עס זאל ניט זיין קיין טומאה אין וועג . רבי יהושע בריה דרב אידי זאגט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען וויסען צו די יודען דעם וועג וואס זיי זאלען אין איר גיין עס זאל ניט זיין קיין טומאה אין וועג . מר זוטרא זאגט עס שטייט אין פסוק איר זאלט אפ שיידען די יודען פון זייער טומאה . רב אשי זאגט עס שטייט אין פסוק ושמרתם את משמרתי . איר זאלט היטען מיינע תרומה . איר זאלט מאכען א היטונג די תרומה זאל ניט טמא ווערען . איר זאלט בצייכענען די קברים מען זאל ניט ארויף גיין מיט תרומה אויף א קבר . רבינא זאגט עס שטייט אין פסוק ושם דרך אראנו בישע אלהים . דער וואס מאכט א וועג . ער מאכט א ציייכען אין וועלכע וועג מען זאל גיין מען זאל ניט טמא ווערען . וועל איך איהם ווייזען דיא געטליכע הילף . רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס שאצט זיינע וועגען . ער בערעכענט דעם שאדען וואס ער וועט האבען פון דער מצוה אויף דער וועלט . געגען דעם שכר וואס ער וועט האבען פאר דער מצוה אויף יענע וועלט . און ער בערעכענט דעם פאר דינסט וואס ער וועט האבען פון דער עבירה אויף דער וועלט . געגען דעם שטראף וואס ער וועט האבען פאר דער עבירה אויף יענע וועלט . דריבער טוהט ער מצות און דער ווייטערט זיך פון עבירות : וועט ער זוכה זיין צו זעהן די הילף פון גאט . ווארום עס שטייט אין פסוק ושם דרך אראנו בישע אלהים . זאלסט ניט לייענען ושם . נאר זאלסט לייענען ושם . דער וואס שאצט זיין וועג וועל איך איהם ווייזען די געטליכע הילף . רבי ינאי האט געהאט א תלמיד . א גאנץ יאהר פלעגט דער תלמיד פרעגען קשיות ביי רבי ינאי . דעם שבת וואס פאר יום טוב ווען רבי ינאי האט

נזאגט

שתא הוי מקשי ליה ובשבתא דריגלא לא מקשי ליה (ע"כ) קרי עליה ושם דרך אראנו בישע אלהים :

(דף ו) [ב ואיבעית איפא הא אמרן אין מרחיקין ציון ממקום טומאה שלא להפסיד ארץ ישראל רבי יהודה אומר עד שיהא שם זקן או תלמיד לפי שאין הכל בקיאין בדבר] אמר אביי שמע מינה צורבא מרבנן דאיכא במתא כל מילי דמתא עליה רמיא :

(ע"ב) מתני' ג צדין את האישות ואת העכברים משדה האילן ומשדה הלבן כדרכו במועד ובשביעית וכו' : גמ' מאי אישות אמר רב יהודה בריה שאין לה עינים אמר רבא בר ישמעאל ואיתימא רב יימר בר שלמיה מאי קראה (תהלים נח) כמו שבלול תמס יהלוך נפל אשת בל חזו שמש :

(דף ח) ד ולא יספידנו קודם הרגל שלשים יום. מאי שנא שלשים יום אמר רב כהנא אמר רב יהודה אמר רב מעשה באדם אחד שכינס מעות לעלות לרגל ובא ספדן ועמד על פתח ביתו ונטלתן אשתו ונתנתן לו ונמנע ולא עלה באותה שעה אמרו לא

סוס מכסיף : קרי עליה ושם דרך. שמחשב בשעות איזה מהן (נהקשות ואיזה מהן) שלא להקשית : והא אמרן אין מרחיקים. וכיון שסמוך לאילנות הציון ודאי טומאה בין האילנות היא ונמרש בשביל האילנות : כל מילי דמתא עליה רמיא. דתלמיד בקי הוא :

צדין האישות. בשדה האילן במועד מפני שמפסידין בו : כדרכו. שאין צריך לשנות בצידה : ובשביעית. אע"ג דמתקן השדה : בריה שאין לה עינים. והוספר נקרקע : מאי קראה. דאישות בריה שאין לה עינים : דכתיב כמו שבלול תמס יהלוך. שבלול פקירין לימצו"ן תמס יהלוך כלומר כשיוצא חוץ מנרתיקו ליחות נופלת ממנו עד שהוא נמוס ומת : נפל אשת בל חזו שמש. כלומר כך אישות נופלות פתאום לארץ ומתים דלא חזו שמש :

מעשה וכו'. כלומר שהיו לו מעות מזומנים לצורך לעלות לרגל ונתנתן אשתו לספדנין ונמנע

---

געזאגט אדרשה אונ עס זענען געוועזען פיל מענטשען ביי די דרשה. האט דער תלמיד אים גאר ניט גיפרעגט. טאמער וועט רבי ינאי ניט וויסען צו ענטפערין. וועט ער פאר שעמט ווערין. האט רבי ינאי גילייענט דעם פסוק אויף דעם תלמיד ושם דרך. ער שאצט די וועג. ער בערעכונט וועלכע צייט צו פרעגן. אונ וועלכע צייט ניט צו פרעגן. דריבער וועט איהם גאט ווייזען די גאטליכע הילף :

ב ואיבעית. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען מיר האבען דאך געזאגט מען טאר ניט דער ווייטערין דעם צייכען פון דעם ארט וואו די טומאה איז. מען זאל ניט שאדין מאכען ארץ ישראל. געווים וואו דער צייכען איז דארט איז די טומאה. רבי יהודה זאגט עס איז דא איין אלטער מאן אדער אתלמיד וואס ער וויים אויף וועלכין ארט די טומאה איז. אונ אויף קיין אנדער מענטש פאר לאזט מען זיך ניט. ווייל ניט אלע וויסען אזעלכע זאכען. אביי זאגט פון דאנען זעהן מיר אז אלמדן איז דא אין אשטאט. דארף ער אכטונג געבין אויף אלע זאכען וואס אין שטאט :

ג מתניתין. צדין. מען מעג פאנגען חול המועד אונ דעם יאהר פון שמטה אישות אונ מייז פון אפעלד וואס אין איר וואקסט ביימער אונ פון אפעלד וואס אין איר וואקסט תבואה. אזוי ווי ער פאנגט אלע מאהל ווייל זיי עסען אויף די פירות אונ די תבואה. זאגט די גמרא וואס איז אישות. האט רב יהודה געזאגט דאס איז אזוי אבשעפעניש וואס האט ניט קיין אויגען. רבא בר ישמעאל האט געזאגט אונ אנדערע זאגען רב יימר בר שלמיה האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער אישות האט ניט קיין אויגען. ווארום עס שטייט אין פסוק כמו שבלול תמס יהלוך. ווי אשנעק וואס הייסט שבלול ער ווערט געריגען אונ צוא גאנגען. נפל אשת בל חזו שמש. ווי אמילד ווארעם וואס זיי זעהן ניט די זוהן :

ד ולא. מען טאר ניט זאגען הספד דרייסיג טעג פאר יום טוב. פאר וואס. האט רב כהנא געזאגט רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין עס האט אמאהל גיטראפען אמענטש האט אן גיזאמעלט ער זאל גיין אויף יום טוב אין ירושלים. איז גיקומען דער וואס זאגט הספדים אונ האט זיך גישטעלט ביי די טיר פון דעם מענטשינס שטוב. האט גינומען דאס ווייב די געלט וואס דער מאן האט אן גיזאמעלט אונ האט איהם גיגעבען ער זאל זאגען הספד

אויף

**לא** יעורר על מתו ולא יספידנו קודם לרגל **שלשים יום** ושמואל אמר (ע"ב) לפי שאין המת משתכח מן הלב שלשים יום מאי בינייהו איכא בינייהו דקא עביד בחנם:

מתני' **ה אין** נושאין נשים במועד לא בתולות ולא אלמנות ולא מיבמין מפני ששמחה היא לו אבל מחזיר הוא את גרושתו: **גמ'** וכי שמחה היא לו מאי הוה אמר רבי יהודה אמר שמואל וכן אמר רבי אלעזר אמר רב אושעיא ואמרי לה [אמר רבי אלעזר] אמר רבי חנינא לפי שאין מערבין שמחה בשמחה. רבה בר (רב) הונא אמר מפני שמניח שמחת הרגל ועוסק בשמחת אשתו אמר לו אביי לרב יוסף הא דרבה בר (רב) הונא דרב הוא דאמר רבי דניאל בר קטינא אמר רב מנין שאין נושאין נשים במועד שנאמר (דברים טז) ושמחת בחגך ולא באשתך . עולא אמר מפני הטורח . רבי יצחק נפחא אמר מפני בטול פריה ורביה:

שלשים לרגל: לפי שאין המת משתכח מן הלב שלשים יום (כלומר כיון דמת אין משתכח מן הלב שלשים יום) אי מספידו פחות משלשים יום לפני הרגל אתי למספד ברגל דעדיין לא שכחו: דעביד בחנם. מ"ד משום שזימן לרגל כיון דהספן עביד בחנם שפיר דמי ומ"ד לפי שאין המת משתכח מן הלב שלשים יום בחנם נמי אסור:

מפני ששמחה היא לו. בגמרא מפרש: מחזיר גרושתו. דאינה שמחה כ"כ: מאי הוי. וכי שמחה אסורה בי"ט: אין מערבין שמחה בשמחה. כדאמר בעינן דליטעת בשמחת מועד לחודיה: מפני הטורח. לטרוח לצורך נישואין וטרחא במועד אסור: משום בטול פריה ורביה. דאי שרו נישואין בי"ט אין אדם נושא אשה כל השנה כולה אלא ממתין עד המועד דיכול עושה סעודה אחת למועד ולנישואין:

ודאין

---

אויף אירעם אקרוב וואס איז געשטארבען . אונ דער מאן האט ניט געהאט קיין אנדער געלט איז ער ניט געגאנגען אויף יום טוב אין ירושלים . אין דער צייט האבען דיא רבנן גזאגט אמענטש זאל ניט דער וועקין קיין קלאג אויף אמת . אונ ער זאל איהם ניט מספיד זיין אז עס איז ווייניגער ווי דרייסיג טעג פאר יום טוב . אונ שמואל זאגט דריבער טאר מען ניט מספיד זיין אמת אז עס איז ווייניגער ווי דרייסיג טעג פאר יום טוב . ווייל אמת ווערט ניט פר געסין פון הארץ גאנצע דרייסיג טעג . וועט ער טרויערין אויף דעם מת אום יום טוב . פרעגט דיא גמרא וואס איז דער אונטער שייד ווי רב זאגט אדער ווי שמואל זאגט . ענטפערט די גמרא דער אונטער שייד איז אז איינער וויל זאגען אהספד אומזיסט אין דרייסיג טעג פר יום טוב . רב האלט מען מעג אונ שמואל האלט מען טאר ניט:

**ה** מתניתין . אין . מען טאר ניט חתונה האבען אום חול המועד . ניט מיט אבתולה אונ ניט מיט אאלמנה . אונ מען טאר ניט מיבם זיין ואויב זיין ברודער איז געשטארבען אן קינדער . טאר ער ניט חתונה האבען מיט זיין ברודערס ווייבו אום חול המועד . ווייל דאס איז ביי איהם אשמחה . אבער אז ער האט גיגט זיין ווייב מעג ער מיט איר צוריק חתונה האבען חול המועד . פרעגט די גמרא וואס איז אז עס איז ביי איהם אשמחה . האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין . אונ אזוי האט גזאגט רבי אלעזר פון רב אושעיאס וועגין . אונ אנדערע זאגען רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין . ווייל מען דארף ניט אוים מישען דיא שמחה פון יום טוב מיט די שמחה פון דער חתונה . רבה בר הונא זאגט ווייל ער וועט פאר לאזען די שמחה פון יום טוב אונ ער וועט זיך פרייען נאר מיט דער ווייב . אביי האט גזאגט צו רב יוסף דאס וואס רבה בר הונא זאגט האט רב אויך אזוי גזאגט . ווארום רב דניאל בר קטינא האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט חתונה האבען חול המועד . ווארום עס שטייט אין פסוק ושמחת בחגך . דוא זאלסט דיך פרייען מיט דיין יום טוב . נאר מיט דעם יום טוב זאלסטו דיך פרייען . אבער ניט מיט דיין ווייב . עולא זאגט דריבער טאר מען ניט חתונה האבען חול המועד . ווייל ער וועט האבען צו פיל ארבעט חול המועד אן צו גרייטען אויף די חתונה . רבי יצחק נפחא זאגט אז מען וואלט מעגין חתונה האבען חול המועד . וואלטען אלע ווארטען מיט זייערע חתונות אויף חול המועד . דער ווייל וואלט געשטערט געווארען דיא מצוה פריה ורביה . דריבער טאר מען ניט חתונה האבען חול המועד:

ודאין

(דף ט) ו ודאין מערבין שמחה בשמחה מנא לן דכתיב (מ"א ח) ויעש שלמה בעת ההיא את החג וכל ישראל עמו [קהל גדול מלבוא חמת עד נחל מצרים לפני ה' אלהינו שבעת ימים ושבעת ימים ארבעה עשר יום] ואם איתא דמערבין שמחה בשמחה איבעיא ליה למינטר עד החג ומעבד שבעה להכא ולהכא ודילמא מינטר לא נטרינן עד החג והיכא דאיתרמי עבדינן איבעיא ליה לשיורי פורתא שיורי בנין הבית לא משיירינן איבעי לשיורי באמה כליא עורב אמה כליא עורב נמי צורך בנין הוא אלא מדמיתר קרא מכדי כתיב ארבעה עשר יום שבעה ימים ושבעה ימים למה לי שמע מינה הני לחוד והני לחוד. אמר רבי פרנך אמר רבי יוחנן אותה שנה לא עשו ישראל יום הכפורים והיו דואגים ואומרים שמא נתחייבו שונאיהן של ישראל כליה יצתה בת קול ואמרה

שבעה ימים. לחנוכת הבית כשבנה שלמה בית המקדש ואחר כך שבעה ימים לחג הסוכות כדאמרינן בסמוך: ודילמא מינטר לא נטרינן וכו'. אמרו בתמיה אין נושאין נשים במועד ומאי ניהו טעם לדבר לפי שאין מערבין שמחה בשמחה והכא הוה מחנוכת הבית ועד יום הקדשת המקדש ודילמא לא נטרינן לחנוכת הבית עד הרגל משום שכינה והיכא דאיתרמי עבדינן כלומר אי הוה מתרמי יום השלמת בנין סמוך לחג מערבינן שמחה בשמחה: דאי בעי ליה. לשלמה לשהויי פורתא בבנין עד סמוך לחג כי היכי דנעביד שמחה להכא ולהכא ולא הוי ביטול מזבח כיון דלא נשלם ומדלא שהה ש"מ אין מערבין: לא משיירינן. דמידע ידיע דהערמה היא ועוד דגנאי הוא: אמה כליא עורב. כפוין של ברזל ארוך כאמה שע"ג הבית לכלות העורבין שלא ימתו שם ויטנפו את גג הבית במונע את העורבים. כליא כמו לא תכלא רחמיך: צורך בנין הוא. שהוא השלמת בנינים אמות של קומת בית ראשון וקומה של בית שני ושיור בבנין לא משיירינן: הני לחוד והני לחוד. דאין מערבין: אותה שנה לא עשו יום הכיפורים. שאכלו כל שבעה ימים של חנוך הבית

---

ו ודאין. פון וואנען וויסען מיר אז מען טאר ניט אוים מישען א שמחה מיט א שמחה. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען שלמה המלך האט אויף געבאהט דעם בית המקדש. האט שלמה גימאכט אין דער צייט א יום טוב. אונ אלע יודען זענען גיוועזן מיט איהם. א גרויס פערזאמלונג פון חמת ביז צום טייך פון מצרים. אונ זיי זענען גיוועזן פאר גאט זיבען טעג צו דאס בעניייהונג פון בית המקדש אונ זיבען טעג פון סוכות. צו זאמען איז גיוועזן פערצעהן טעג. אז מיר וועלען זאגען מען מעג אריין מישען נאך א שמחה אין די שמחה פון יום טוב. האט שלמה גידארפט ווארטען ביז סוכות אונ מאכען דיא זיבען טעג פון סוכות א יום טוב צו סוכות אונ צו דאס בעניייהונג פון בית המקדש. זאגט די גמרא טאמער אז דער בית המקדש וואלט פארטיג גיווארען ערב סוכות וואלט טאקי שלמה גימאכט איין שמחה צוא סוכות אונ צוא דעם בעניייהונג. ווארום מען מעג אריין מישען א שמחה אין די שמחה פון יום טוב. נאר ווייל דער בית המקדש איז פארטיג גיווארען זיבען טעג פאר סוכות. האט שלמה ניט גיוואלט ווארטען מיט דער שמחה ביז סוכות. זאגט די גמרא האט שלמה גידארפט לאזען א ביסעל פון בית המקדש מען זאל דאס פארטיג מאכען ערב סוכות. די שמחה פון בעניייהונג זאל זיין צו זאמען מיט די שמחה פון סוכות. זאגט די גמרא איבער לאזען א ביסעל ארבעט פון בית המקדש. דער בית המקדש זאל שטיין ניט פערטיג. איז ניט שיין. פרעגט די גמרא האט מען דאך גיקענט פערטיג מאכען דעם בית המקדש אין גאנצען. נאר די אייזערנע שפיזען וואס אויף דעם דאך זאל מען פערטיג מאכען ערב סוכות ואויף דעם דאך פון בית המקדש איז גיוועזן אייזערנע שפיזען אזוי דיא הייך די קראען זאלען ניט קענען זיצען אויף דעם דאך. ענטפערט דיא גמרא דיא שפיזען וואס אויף דעם דאך גיהער דאך אויך צום בית המקדש. איז ניט שיין דער בית המקדש זאל שטיין ניט פארטיג מיט די שפיזען. נאר ווייל דער פסוק איז איבעריג. עס שטייט דאך אין פסוק זיי האבען גימאכט יום טוב פערצעהן טעג. צו וואס שטייט זיבען טעג אונ זיבען טעג. צוא ווייזען אז עס דארף זיין די זיבען טעג פון בעניייהונג בזונדער. אונ די זיבען טעג פון יום טוב בזונדער. אונ מען טאר ניט אריין מישען איין אנדער שמחה אין די שמחה פון יום טוב. רבי פרנך האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגען דעם יאהר וואס שלמה האט פערטיג גימאכט דעם בית המקדש האבען די יודען ניט גיפאסט יום כפור. האבען זיי גיזארגט אונ האבען גזאגט טאמער זענען זיי פאר שולדיגט גיווארען גאט זאל זיי פאר לענדען. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ

האט

ואמרה להם כולכם מזומנין לחיי העולם הבא מאי דרוש קל וחומר ומה משכן שאין קדושתו קדושת עולם וקרבן יחיד דוחה שבת דאיסור סקילה בית המקדש דקדושתו קדושת עולם וקרבן צבור ויום הכפורים דאיסור כרת לא כל שכן אלא מאי היו דואגים התם צורך גבוה הכא צורך הדיוט (ואכתי) הכא נמי (ביום הכיפורים) מיעבד ניעבדיה מיכל לא נכלו ולא נשתו אין שמחה בלא אכילה ושתיה ומשכן דדחי שבת מנא לן אילימא כדכתיב (במדבר ז) ביום הראשון וביום השביעי דילמא (ראשון לקרבנות) שבעה לקרבנות אמר רב נחמן בר יצחק אמר קרא (שם) ביום עשתי עשר יום מה יום כלו רצוף אף עשתי עשר רצופין ודלמא ימים הראוים כתיב קרא אחרינא (שם) ביום שנים עשר יום מה יום כולו רצוף

קודם לחג והתענה שקודם לחג יום הכיפורים היה: אמאי דרש. דהא יום הכיפורים: קדושת משכן. ע' שנה שהלכו ישראל במדבר: וקרבן יחיד. נשיאים דחנוכת המזבח: שבת דאיסור סקילה. דאמור מכרת שהקריבו קרבן נשיא כדלקמן בשבת: וקרבן צבור. דכתיב וכל בני ישראל עמו שכל בני ישראל הקריבו קרבנות בחנוכת בית המקדש: (כרת. הוא וזרעו נכרת קודם זמנו ולא דמי הני מילתא להאי דפריך לעיל אהיא ג"ש מקרא לקרא דפשיטא דיוה"כ אסור באכילה ובשתיה ואיכא מיתה בשוגג דמיא דרוש וחכול ולא עקרו ליה לגמרי אלא פעם אחת בלבד ובמשכן ע"פ הדבור דחי שבת כדכתיב נשיא אחד ליום וגו'): התם היה צורך גבוה. עינות ותמורי חטאות: הכא צורך הדיוט. שאכלו ושתו ובטלו מתענית יוה"כ: משכן דדמי קרבן מנא לן. דילמא לא דחי: ביום השביעי. ומשמע נמי יום שביעי דהיינו שבת: דלמא שביעי להקרבנות. אלא הקריב נשיא (בשבת) בערב שבת מקריב נשיא שביעי באחד בשבת והוי שביעי שביעי לקרבן נשיא: ביום עשתי עשר יום. כמי

---

האט גזאגט צו זיי איר זענט אלע אן גיברייט צו עולם הבא. זאגט די גמרא דיא יודען וואס האבען ניט גיפאסט יום כפור האבען גידרשת אקל וחומר. מאדאך דער משכן וואס זיין היילינקייט איז ניט גיוועז אויף אייביג. אונ דער קרבן פון די נשיאים וואס זייא האבען בעניט דעם משכן וואס זיי זענען נאר איינצעלנע מענטשין. האט אוועק גישטויסען שבת וואס עס קומט סקילה אז מען איז מחלל שבת אונ זייער קרבן האט מען מקריב גיוועזן אום שבת. דער בית המקדש וואס זיין היילינקייט איז אויף אייביג אונ דיא קרבנות האבען אלע יודען מקריב גיוועזן אום יום כפור וואס עס קומט נאר כרת. אונ כרת איז גרינגער ווי סקילה. איז געווים אז זיי האבען גימעגט מקריב זיין זייערע קרבנות אום יום כפור. פרעגט די גמרא וואס האבען זיי גיזארגט. ענטפערט די גמרא פון דעם קל וחומר ווייס מען נאר אז זייא האבען גימעגט מקריב זיין זייערע קרבנות אום יום כפור. פון וואנען ווייס מען אבער אז זיי האבען גימעגט עסין יום כפור. פרעגט די גמרא פאר וואס האבען זיי טאקי ניט גיטאהן אזוי. זיי האבען בעדארפט מקריב זיין די קרבנות אום יום כפור. אונ עסין האבען זיי ניט גיבארפט אום יום כפור. ענטפערט די גמרא אן עסין אונ טרינקען איז ניט קיין שמחה. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דיא נשיאים האבען מקריב גיוועזן זייערע קרבנות אין משכן אום שבת. זאלען מיר זאגען ווייל עס שטייט אין פסוק ביום הראשון. דעם ערשטין טאג. וביום השביעי. דעם זיבעטין טאג: מיינט מען דעם ערשטין טאג זונטאג. אונ דעם זיבעטין טאג מיינט מען שבת. טאמער מיינט מען דעם ערשטין טאג צום ערשטין קרבן. אונ דעם זיבעטין טאג צום זיבעטין קרבן. למשל ווען אפילו דער ערשטער קרבן איז גיוועזן זונטאג. איז גיוועזן דער זעקסטער קרבן פרייטאג. אונ דער זיבעטער קרבן איז גיוועזן זונטאג. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט עס שטייט אין פסוק ביום עשתי עשר יום. אין דעם טאג דעם עלפטין טאג. איז דאך דער אנדערערווארט יום איבעריג. צו ווייזען. אזוי ווי א טאג איז דאך אין איין מאהל אנאנצער טאג. עס קען דאך ניט אין מיטען טאג אויף הערין צו זיין טאג. אזוי זענען גיוועזן די עלף קרבנות איינער נאך דעם אנדערין. עס האט ניט אויף גיהערט אין מיטען א טאג מען זאל אין איהם ניט מקריב זיין. אפילו שבת האט מען אויך מקריב גיוועזן. פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען אזוי א טאג וואס מען מעג אין איהם מקריב זיין. האט ניט אויף גיהערט אין מיטען: אבער שבת הט יא אויף גיהערט אין מיטען. ווייל שבת טאר מען ניט מקריב זיין. ענטפערט די גמרא עס שטייט נאך א פסוק ביום שנים עשר יום. אין דעם טאג דעם צוועלפטין טאג. איז דאך דער אנדערער

ווארט

רצ״ף אף שנים עשר ימים כולם רצופים דילמא הכא נמי בראוין אם כן תרי קראי למה לי . ומקדש דדחי יום הכיפורים כנא לן אילימא מדכתיב (מ״א ח) ארבעה עשר יום ודלמא ימים הראויים גמר יום יום מהתם ומצא לן דאחיל להו דתני רב תחליפא (שם) ביום השמיני שלח את העם ויברכו את המלך וילכו לאהליהם שהלכו ומצאו נשותיהן בטהרה שמחים שנהנו מזיו השכינה וטובי לב שכל אחד ואחד נתעברה אשתו בבן זכר על כל הטובה שיצתה בת קול ואמרה להם כולכם מזומנין לחיי העוה״ב לדוד עבדו ולישראל עמו בשלמא לישראל עמו דאחיל להו ההוא עון דיוה״כ אלא לדוד עבדו מאי היא דא״ר יהודה אמר רב בשעה שבקש שלמה להכניס הארון לפני ולפנים) [למקדש] דבקו שערים זה בזה אמר שלמה ארבעה ועשרים רננות ולא נענה

יום יתירה משמע מה יום (ווילה רצופים שאין הפסק בינתים) וכל״ף שאין נו הפסק אף כולהו י״ד יום רצוף דליכא הפסק בינתיים אפילו בשבתו : ימים הראויים . לקרבן כגון מי חול אבל שבת לא דחי : א״כ . דימים הראויים קרא למה לי אלא קרא יתירה להכי כות דאהא אלא תאמר קרא קמא ימים הראויים : (ומנא לן דאחיל להו קנ״ס . דכא יצאת בת קול וכו׳ ביום השמיני בל סוכות : לאהליהם . אין תהלו הלא אהבו : להכניס ארון לפני ולפנים . שהיה מוגה קודם לכן בעיר דוד כדכתיב קרא ונטלו שלמה והכניסו בבית קדשי הקדשים : דבקו שערים . מהליכן בגלל כמקום

וואָרט יום איבעריג . צו ווייזען אַזוי ווי אַטאָג איז דאָך אין איין מאהל אַנאַנצער טאָג . עס קען דאָך ניט אין מיטען טאָג אויפהערין צו זיין טאָג . אַזוי זענען געווען דיא צוועלף קרבנות איינער נאָך דעם אַנדערין . עס האט ניט אויפגיהערט אין מיטען אַטאָג מען זאָל אין איהם ניט מקריב זיין . אַפילו שבת האט מען אויך מקריב געווען . פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען דא אויך אַזוי . אַטאָג וואס מען מעג אין איהם מקריב זיין . האט ניט אויף גיהערט אין מיטען . אָבער שבת האט יא אויף גיהערט אין מיטען . ווייל שבת טאר מען ניט מקריב זיין . ענטפערט די גמרא אויב אַזוי . דאס ווייסען מיר דאָך שוין פון דעם איבעריגען יום וואס עס שטייט ביי ביום עשתי עשר יום . צו וואס שטייט נאָך אַמאהל אַאיבעריגער יום ביי ביום שנים עשר יום . צו ווייזען אַז אַפילו אום שבת האט מען אויך מקריב געווען דעם קרבן פון נשיא . און פון וואנען ווייסען מיר אַז די שמחה פון בית המקדש האט אַוועק געשטויסען יום כפור . זאָלען מיר זאָגען ווייל עס שטייט זיבען און זיבען און דער נאָך שטייט נאָך אַמאהל פערצעהן טעג צו ווייזען אַז די אַלע פערצעהן טעג זענען געווען צו זאַמען איינער נאָך דעם אַנדערין און אין מיטען האט ניט אויף גיהערט קיין טאָג . אַפילו יום כפור אויך ניט . טאמער מיינט מען דיא טעג וואס מען מעג אין זיי עסין און טרינקען האבען ניט אויף גיהערט אין מיטען . אָבער יום כפור האט יא אויף גיהערט אין מיטען . ענטפערט די גמרא מיר לערנען אָפ יום יום פון משכן . אַזוי ווי ביי דעם משכן האט מען גימעגט מחלל שבת זיין . אַזוי ביי דעם מקדש האט מען גימעגט מחלל זיין יום כפור . און פון וואנען ווייסען מיר אַז גאָט האט זיי מוחל געווען די עבירה וואס זיא האבען גיגעסען יום כפור . וואָרום רב תחליפא האט גילערנט עס שטייט אין פסוק דעם אַכטען טאָג האט ער אַוועק געשיקט דאס פאָלק און זיי האבען גיבענשט דעם מלך . און זיא זענען גיגאַנגען צו זייערע גיצעלטין . יעדער איז גיקומען אַהיים און האט גיפונען זיין ווייב איז טהור . און זיי זענען געווען פרייליך . ווייל זיי האבען הנאה גיהאט פון די שיינקייט פון דער שכינה . און עס איז זיי געווען גוט דאס הארץ . ווייל יעדערינס ווייב איז מעוברת געווארען מיט אַבן זכר . אויף די אַלע גוטס וואס מען האט זייא צו גזאגט . עס איז אַרוים גיגאַנגען אַקול פון הימעל און האט גזאגט צו זייא איר זענט אַלע אָן גיברייט צו עולם הבא . אין פסוק שטייט גאט האט גיטאהן אַטובה צו זיין קנעכט דוד און צו זיין פאָלק ישראל . זאָגט די גמרא צוא זיין פאָלק ישראל ווייסען מיר די טובה . ער האט זיי מוחל געווען די עבירה פון יום כפור . נאָר וואס איז געווען די טובה וואס ער האט גיטאהן צו זיין קנעכט דוד . זאָגט די גמרא אַזוי וויא רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין . ווען שלמה האט גיוואָלט אַריין ברייענגען דעם אָרון אין בית המקדש . האָבען זיך דיא טויערין פאר מאכט . האט שלמה גזאגט פיר און צוואנציג תפלות און ער איז ניט

נענה פתח ואמר (תהלים כד) שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי זה מלך הכבוד ה' עזוז וגבור ה' גבור מלחמה ולא נענה הדר ואמר שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ולא נענה כיון שאמר (ד"ה ב ו) ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה באותה שעה נהפכו פני שונאי דוד כשולי קדרה וידעו כל ישראל שמחל הקדוש ברוך הוא לדוד על אותו עון ז רבי יונתן בן (עכמאי) [עסמיי] ורבי יהודה בן גרים תנו פרשת נדרים בי רבי שמעון בן יוחאי איפטור מיניה באורתא בצפרא אתו וקא מפטרי מיניה אמר להו ולא אפטירתו מינאי באורתא אמרו ליה למדתנו רבינו תלמיד שנפטר מרבו ולן באותה העיר צריך שיפטר הימנו פעם אחרת דכתיב (מ"א ח) ביום השמיני שלח את העם וגו' וכתיב (דה"ב ז) ביום עשרים ושלשה לחדש השביעי שלח את העם [אלא] כבאן לתלמיד שנפטר מרבו ולן באותה העיר צריך ליפטר

### פירוש

שפניה שלמה צריך כך שיהא מזכיר שם דוד ויפתחו כדי להודיע לעולם שמחל לו המקום אותו עון דבת שבע : נאמרה תפלה . דויעמוד שלמה היכא כ"ד בין תפלה ורנה ותחנה ומאן דפריש בהי י"ח דינן הכא דתעניות אינו אלא קושיא דהפלה י"ח אכתי בימי שלמה לא תקון ועוד דאמריק בתפלה ששמר בסדר כ"ד דתעניות כנגד מי א"ר חלבו כנגד כ"ד רננות שאמר שלמה בשעה שהכניס ארון לפני ולפנים אלמא כ"ד רננות שאמר נגד היינו כ"ד ברכות דתעניות : משיחך . שלמה רנה תהלה תפלה כך יש בפרשה) :

רבי יהודה בן גריה . מגרים אתי : פרשת נדרים . (דאתי במסוח פ"א) מסכת נדרים : (אפטור ספטר . נטלו ממני רשות בשבורים ללכת אותה הלילה ולא הלכו : בצפרא אתו לאפטורי . זימנא אחריתי) : ביום השמיני . בל סוכות היינו בכ"ב בתשרי : וכתיב ביום עשרים ושלשה . אלמא דבכ"ב ובכ"ג איפטרו מיניה : אנשי צורה . אנשים גדולים

---

געענטפערט געווארען . האט ער געזאגט הייבט אויף איר טויערן אייערע קעפ . אונ דיא אייביגע טירען זאלען אויף געהויבען ווערין . וועט אריין קומען דער מלך וואס דער כבוד געהער צו אים ; מי זה מלך הכבוד . ווער איז דר מלך וואס דר כבוד געהער צו איהם . יי עזוז וגבור יי גבור מלחמה . דער שטארקער גאט . גאט וואס ער איז דער שטארקסטער אין דער מלחמה . אונ שלמה איז ניט געענטפערט געווארען . האט ער נאך אמאהל געזאגט הייבט אויף איר טויערין אייערע קעפ . אונ הייבט אויף די אייביגע טירען . וועט אריין קומען דער מלך וואס דער כבוד געהער צו איהם . מי הוא זה מלך הכבוד . ווער איז דער מלך וואס דער כבוד געהער צו איהם . יי צבאות הוא . גאט וואס ער הערשט איבין אויף דיא מלאכים אונ אונטען אויף דער וועלט . ער איז דער מלך וואס דער כבוד געהער צו איהם אייביג . אונ שלמה איז ניט געענטפערט געווארין . וויא שלמה האט געזאגט גאט דוא זאלסט ניט צוריק קערין (פאר שעמען) דעם פנים פון דיין געזאלבטין . גידיינק די חסדים פון דיין קנעכט דוד . איז שלמה באלד געענטפערט געווארין . אונ דיא טויערין זענען געעפינט געווארין . אין דער צייט איז שווארץ געווארין דער פנים פון דודס פיינד אזוי ווי דער רעק פון א טאפ . האבען אלע יודען געוואוסט אז גאט האט מוחל געווען צו דוד די עבירה פון בת שבע ;

ז רבי יונתן בן עסמיי אונ רבי יהודה בן גרים האבין געלערנט דיא מסכת נדרים ביא רבי שמעון בן יוחאי . ביי נאכט האבען זיי זיך געזעגינט מיט רבי שמעון . ווייל זיי האבען גימיינט זיי וועלין ביי נאכט אוועק פארען . אונ זיי זענען ביי נאכט ניט גיפארען . אין דער פריא זענען זיי נאך אמאהל גיקומען צו רבי שמעון גיזעגינען מיט איהם . האט רבי שמעון צו זיי גזאגט איד האט זיך דאך שוין געזעגינט מיט מיר ביי נאכט . האבען זיי גזאגט צו רבי שמעון דער רבי האט דאך מיט אונז געלערנט אז א תלמיד האט זיך געזעגינט מיט זיין רבי אונ ער האט גינעכטיגט אין די זעלביגע שטאט איידער ער פארט אוועק דארף ער זיך מיט אים געזעגינען נאך אמאהל . ווארום עס שטייט אין פסוק דעם אכטען טאג הוכות (?) צוויי אונ צוואנציג טאג אין תשרי האט שלמה אוועק געשיקט דאס פאלק . אונ אין איין אנדער פסוק שטייט דעם דריי אונ צוואנציגסטען טאג אין זיבעטין חודש ואין חודש תשרי האט שלמה אוועק געשיקט דאס פאלק . נאר ווייל די יודעי האבען גינעכטיגט אין ירושלים . די נאכט פון נאך דעם צוויי אונ צוואנציגסטען . דריבער האבען זייא זיך מארגין נאך אמאהל גיזעגינט מיט שלמה . פון דאנען ווייסען מיר אז א תלמיד האט זיך געזעגינט מיט זיין רבי אונ ער האט

גינעכטיגט

מכנו פעם אחרת אמר ליה לבריה בני אדם הללו אנשים של צורה הן זיל לגבייהו וליברכוך אזל אשכחינהו וקא רמו קראי אהדדי כתיב (משלי ד) פלס מעגל רגלך וכל דרכיך יכונו וכתיב (שם ה) אורח חיים פן תפלס נעו מעגלותיה לא תדע לא קשיא כאן במצוה שאי אפשר לעשותה על ידי אחרים (ע"ב) כאן במצוה שאפשר לעשותה על ידי אחרים . הדור יתבי וקא מבעיא להו כתיב (שם ג) יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה הא חפצי שמים ישוו בה וכתיב (שם ח) וכל חפצים לא ישוו בה ואפילו חפצי שמים (לא קשיא) כאן במצוה שאי אפשר לעשותה על ידי אחרים כאן במצוה שאפשר לעשותה על ידי אחרים אמרו ליה מאי בעית הכא אמר להו דאמר לי אבא זיל גבייהו דליברכוך . אמרי ליה יהא רעוא דתזרע ולא תחצד תעייל ולא תפיק תפיק ולא תעייל . ליהרוב ביתך וליתיב

כלומר חכמים: פלס מעגל רגלך. כלומר שקול כל מעשיך זה כנגד זה באה מצוה לידך חשוב איזה מהן אתה עושה אם לעשות אותה מצוה אם לישב לעסוק בתורה: אורח חיים. תורה: פן תפלס. שהיא קודמת לכל דבר: שאי אפשר לעשותה. פלס ושקול מצוה פן תתבטל: אפשר לעשותה על ידי אחרים. כלומר ואינה בטלה בשעה זו בזה למוד קודם כי הוא צריך ללמוד שאם לא ילמוד מהיכן ידע המצוה ובזה אמר פן תפלס שתיכן מתקיימות עד עכשיו: וכל חפציך לא ישוו בה. שתבטל כל חפציך בשביל שתעסוק בתורה: חפצי שמים ישוו בה. כלומר שאם יש לך לעסוק במצוה תבטל ת"ת ועסוק במצוה: דאפילו חפצי שמים לא. דמבטל מצוה ועוסק בתלמוד תורה: תעייל ולא תיפוק. משמע ליה בסחורה תעייל ולא תיפוק שתביא סחורה ולא המכרנה: תיפוק ולא תעייל. הוה משמע ליה תוליא פרקמטיא ולא תשוב אליך: תעייל כלתא. שדרך כלה שהולכת אל בעלה: ולא תפיק. דלא לימות בנך דהדרי נסבי מינך והדרי לבי נשייהו: ליהרוב ביתך. יתרב קברך כלומר שתחיה לאורך ימים ולא תבא לקבר: וליתיב אושפיזך. כיון שאתה דר בו שתחיה ותעמוד

גיגעבטיגט אין די זעלביגע שטאט . איידער ער פארט אוועק דארף ער זיך מיט איהם געזעגענען נאך אמאהל . האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן דיא מענטשין זענען גרויסע חכמים גיי צו זיי וועלען זיי דיך בענטשין . איז ער גיגאנגען צו זיי אונ האט גיטראפען זיי פרעגן קשיות פון איין פסוק אויף דעם אנדערין . אין איין פסוק שטייט דו זאלסט וועגן די טריט פון דיינע פיס ודאס מיינט מען אויב דו לערינסט תורה אונ עס איז גיקומען פאר דיר אמצוה צוא טאהן . זאלסטו ברעכענען וועלכע דו זאלסט טאהן . דיא מצוה . אדער לערנען וועלען זיין דיינע אלע וועגין אנגיברייט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט טאמער וועסטו וועלען וועגן די וועג פון לעבין ודי תורה . זענען פאר וואגילט אירע וועגין דו וועסט ניט וויסען ודאס מיינט מען אז דו לערנסט תורה אונ עס איז גיקומען פאר דיר אמצוה . זאלסטו גאר ניט קלערין אוועק צו לייגין די תורה אונ טאהן דיא מצוה . נאר פאר קערט דיא מצוה זאלסטו אוועק לייגען אונ זאלסט לערנען תורה . ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . אזוי אמצוה וואס זי קען ניט גיטאהן ווערין דורך ציין אנדערין . מוז ער טאהן די מצוה אונ ניט לערנען . אונ אזוי אמצוה וואס זיא קען גיטאהן ווערין דורך איין אנדערין . מוז ער ווייטער לערנען אונ ניט טאהן די מצוה . דער נאך האבען זיי ווייטער גיפרעגט . אין איין פסוק שטייט דיא תורה איז טייערער וויא פעריל . אונ דיינע אלע בגערונג זענען ניט גלייך צו דיא תורה . דו זאלסט אוועק לייגען דיינע אלע גישעפטין אונ לערנען תורה . אבער הימעלשע בגערונג זענען גלייך צו די תורה . אויב דוא לערינסט תורה אונ עס קומט פאר דיר אמצוה צו טאהן מעגסטו אוועק לייגען דאס לערנען אונ טאהן די מצוה . אונ אין אנדערין פסוק שטייט אלע בגערונג זענען ניט גלייך מיט די תורה . דוא זאלסט אוועק לייגען אלע גישעפטין . אפילו אהימעלשין גישעפט ודאס מיינט מען אפילו אמצוה צו טאהן . זאלסטו אויך אוועק לייגען . אונ נאר לערנען תורה . עס איז ניט קיין קשיא אזוי אמצוה וואס זי קען ניט גיטאהן ווערין דורך אנדרע מענטשין . מוז ער טאן די מצוה אונ ניט לערנען . אונ אזוי אמצוה וואס קען גטאן ווערין דורך אנדערע מענטשין . טוז ער ווייטער לערנען אונ ניט טאהן די מצוה . האט רבי יונתן אונ רבי יהודה גזאגט צום זוהן פון רבי שמעון וואס טוהסטו דא . האט ער גזאגט צו זייא מיין פאטער האט מיר גזאגט איך זאל גיין צו אייך וועט איר מיך בענטשין . האבען זייא גזאגט צו איהם עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דוא זאלסט זייען אונ ניט שניידען . דוא זאלסט אריין ברייננגען אונ ניט ארויס פירען . דוא זאלסט ארויס פירען אונ ניט אריין ברייננגען . דיין

שטוב

נח כי : דהאי עלמא אושפיזא הוא . כאכסניות שסופו לנוס : והוא עלמא ביתא . קבר הוי בית שעומד בו לעולם : דכתיב קרבם בתימו לעולם . נרבעים כתיב כולם ימותו ויבאו בקבר שהוא ביתם לעולם : שתא חדתא . קרי שנה ראשונה של נשואין דכתיב כי יקח איש אשה חדשה : ר"ש בן חלפתא אפטר מיניה דרבי . ותלמידו דרבי הוה ותמורת כוס אבל רבי יוסי בן חלפתא אבא היה: לא תבייש. אחריני כדי שלא תבא לידי כך ותתבייש : והגא

אושפיזך לבלבל פתורך ולא תחזי לשתא חדתא, כי אתא לגבי אבוה אמר ליה לא מבעיא ברוכי דלא ברכן אלא צעורי צערו לי. אמר ליה מאי אמרו לך . אמר ליה הכי והכי אמרו לי אמר ליה הנך כלהו ברכתא נינהו דתזרע ולא תחצד תוליד בנין ולא לימותו. תעייל ולא תפיק תעייל כלתא ולא לימותו בנך וליסקן לבי נשייהו . תפיק ולא תעייל תפיק בנתך ולא לימותו גברייהו ולא ליהדרן לותך . ליחרוב ביתך וליתוב אושפיזך דהאי עלמא אושפיזא והוא עלמא ביתא דכתיב (תהלים מט) קרבם בתימו לעולם אל תקרי קרבם אלא קברם . לבלבל פתורך בבני ובבנתא . ולא תחזי שתא חדתא דלא תמות אתתך ולא תנסיב אחריתי . רבי שמעון בן חלפתא איפטר מיניה (דרבי) [דרבן] אמר ליה לבריה זיל לגביה דליברכך אמר ליה יהא רעוא דלא תבייש ולא תתבייש כי אתא גבי אבוה אמר ליה מאי אמר לך אמר ליה מילתא בעלמא הוא דאמר לי אמר ליה ברכך ברכתא דברכינהו קודשא בריך הוא לישראל ותנא בה דכתיב (יואל ב) ואכלתם אכול ושבוע והללתם את ה'

---

שטוב זאל זיין וויסט . אונ דיין גאסט הויז זאל זיין בוואוהנט . דיין טיש זאל זיין צו מישט . אונ דו זאלסט ניט זעהן קיין נייעם יאהר . אז ער איז גיקומען צום פאטער . האט ער גזאגט צום פאטער . ניט גענוג זיי האבען מיך ניט גיבענשט . זיי האבען מיר נאך גזאגט אזעלכע זאכען וואס איך האב צער פון זיי . האט רבי שמעון גזאגט צום זוהן וואס האבען זייא דיר גזאגט . האט ער גזאגט צום פאטער אזוי אונ אזוי האבען זיי מיר גזאגט . האט רבי שמעון גזאגט צום זוהן די אלע זאכען זענען ברכות . דו זאלסט זייען אונ ניט שניידען מיינט מען דו וועסט גיבארען קינדער אונ זיי וועלען ניט שטארבען . דוא זאלסט אריין ברענגען אונ ניט ארויס פירען מיינט מען דו וועסט אריין ברענגען שניר . ווייבער צוא דיינע זיהן . אונ דיינע זיהן וועלין ניט שטארבען . וועלען דיא ווייבער קיין מאהל ניט ארויס גיין פון דיר צוריק צו זייער פאטער . דוא זאלסט ארויס פירען אונ ניט אריין ברענגען מיינט מען דו וועסט ארויס פירען דיינע טעכטער צו זייערע מאנען . אונ זייערע מאנען וועלין ניט שטארבען . וועלען דיינע טעכטער ניט צוריק צו דיר . דיין שטוב זאל זיין וויסט מיינט מען דיין קבר זאל זיין וויסט . דו זאלסט ניט שטארבען . אונ דיין גאסט הויז זאל זיין בוואוהנט מיינט מען דיין שטוב פון די וועלט וואס זיא איז אזוי ווי א גאסט הויז) זאל זיין אייביג בוואוהנט . דוא זאלסט ניט שטארבען . דער קבר הייסט א שטוב . ווארום אין איהם וואוהנט מען אייביג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קרבם בתימו לעולם . זאלסט ניט לייענען קרבם . נאר זאלסט לייענען קברם . זייער קבר איז אאייביגע שטוב . דיין טיש זאל זיין צו מישט מיט זיהן אונ מיט טעכטער . אונ דו זאלסט ניט זעהן קיין נייעם יאהר מיינט מען דיין ווייב וועט ניט שטארבען . וועסטו ניט נעמען קיין נייע ווייב . רבי שמעון בן חלפתא איז אוועק גיגאנגען פון רבי . האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן גיי צו רבי וועט ער דיך בענטשין . האט רבי גזאגט צו איהם עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דו זאלסט קיינעם ניט פאר שעמען וועסטו ניט פאר שעמט ווערין . אז ער איז גיקומען צום פאטער . האט דער פאטער צו איהם גזאגט וואס האט רבי צו דיר גזאגט . האט ער גזאגט אזעלכע זאך האט רבי מיר גזאגט . אונ ער האט דער ציילט דעם פאטער וואס רבי האט גזאגט צו איהם . האט דער פאטער צו איהם גזאגט ער האט דיך גיבענשט די זעלביגע ברכה וואס גאט האט גיבענשט דיא יודען . אונ ער האט דיא ברכה צוויי מאהל גזאגט . ווארום עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין אונ זאט זיין אונ איר וועט לויבין דעם

שם ה' אלהיכם וגו' ולא יבשו עמי לעולם וידעתם כי בקרב ישראל אני ואני ה' אלהיכם ואין עוד ולא יבושו עמי לעולם:

ח מתני' ועושה אשה תכשיטיה במועד:

גמ' (רביתהו דרב חסדא מקשטא באנפי כלתא) יתיב רב הונא בר חיננא קמיה דרב חסדא ויתיב וקאמר ל"ש אלא ילדה אבל זקנה לא אמר ליה האלהים אפילו אמך ואפילו אמא דאמך ואפילו עומדת על קבורתה דאמרי אינשי בת שיתין כבת שית לקל טבלא רהטא:

(דף י ע"ב) ט אמר רבא פרקמטיא כל שהוא אסור אמר רבי יוסי בר אבין ובדבר האבוד מותר רבינא הוה ליה ההוא עיסקא דהוה מזדבן בשיתא אלפי שהייה לזבוניה בתר חולא דמועדא וזבניה בתריסר אלפי:

(דף יא) י אמר רב אמר לי אדא צײדא כוורא סמוך למסרחיה מעלי ואמר רב אמר לי אדא צײדא כוורא טוויה באחוה אסוקי באבוה ומיכלי בבריה אשתי

נא. ישנה כה תרי זמני בכלימה: ולא יבושו עמי וכתיב לא תקיים ולא תתביישו (ברכה זמו כ"ח) לא שנו. הא דאמר עושה אשה תכשיטיה: אלא ילדה. בחורה בדרכה בכך ולהכי הוי לה שמחה במועד: אבל זקנה לא. וסיכי מבדא אמאך סכי דמיקשטא כא הואי זקנה: אפילו עומדת על פתח קבורתה. בעית להתקשטא: לקל טבלא רהטא. פי' קשקוש הזוג ר"ל מילי זמר בהנולה וכו היכי דרהטא ילדה בת שית לקל הלולה הכי עבדא בת שיתין והכי (נמי) מקשטא:

פרקמטיא כל שהות. לעשות סחורה כאילו בל מועד: ובדבר האבוד מותר. שאם ישים לו הפסד אם לא יעשה לאותה סחורה מותר לעשותה אבל בתנם בלא להרויח אסור:

סמוך למסרחיה מעלי. כלומר יפה הוא לאחר זמן שנלוד יותר מבשות שבתא דנלוד]: טוויה באחוה. במלח שמלח נברא מן המים כדגים: אסוקי באבוה. לאחר בללאו נותנו במים מהן: אכלי בבריה. מפילין אותו בליר היוצא מן הדגים

---

גאטעס פון אייער גאט און מיין פאלק וועט קיינעם ניט פאר שעמען . און איר וועט וויסען אז איך בין צווישען די יודען און איך בין אייער גאט און קיין אנדער גאט איז ניטא און מיין פאלק וועט קיין מאהל ניט פאר שעמט ווערין ועיין מהרש"א:

ח מתניתין . ועושה אשה תכשיטיה א אשה מעג מאכען אירע צירונג חול המועד. זאגט דיא גמרא די ווייב פון רב חסדא פלעגט זיך צירען פאר איר שנור אפילו חול המועד . רב הונא בר חיננא איז געזעסען פאר רב חסדא און האט געזאגט נאר איונגע אשה מעג זיך מאכען אירע צירונג חול המועד . אבער אאלטע אשה טאר ניט מאכען אירע צירונג חול המועד און דיין ווייב איז דאך אאלטע . פאר וואס האט זיא געמאכט אירע צירונג חול המועד . האט רב חסדא געזאגט צו רב הונא איך שווער ביי גאט אפילו דיין מוטער . און אפילו דיין מוטערס מוטער און אפילו די אשה וואס שטייט שוין ביי איר קבר . זי האלט שוין צום שטארבען . וויל זיך נאך אויך צירען . דריבער מעגין זיי מאכען זייערע צירונג חול המועד . ווארום מענטשין זאגען אז אאלטע אשה אפילו פון זעכציג יאהר אז זיא הערט אשטימע פון מוזיק לויפט זיא הערין . אזוי ווי אקליינע מיידיל פון זעקס יאהר לויפט הערין אשטימע פון מוזיק . און צום צירונג איז אויך אאלטע גליך צו איונגע:

ט אמר . רבא זאגט האנדלען חול המועד טאר מען ניט . אפילו אביסול אויך ניט . רבי יוסי בר אבין זאגט אויב ער וועט שאדין האבען פון קרן אז ער וועט ניט מאכען דעם האנדיל חול המועד ער וועט די סחורה מוזען פאר קויפען נאך יום טוב פאר ווייניגער וויא זי קאסט איהם . מעג ער פאר קויפען די סחורה חול המועד . רבינא האט געהאט סחורה חול המועד האט מען איהם געוואלט געבין פאר דיא סחורה זעקס טויזענד . רבינא האט אבער ניט געוואלט האנדלען חול המועד האט ער געהאלטען די סחורה ביז נאך יום טוב . און נאך יום טוב האט מען אים גיגעבין פאר די סחורה צוועלף טויזענד:

י אמר . רב האט געזאגט אדא דער פיש פאנגער האט מיר געזאגט אפיש אז ער איז שוין נאנט צום פאר שטונקען ווערין איז ער געשמאקער וויא די צייט וואס מען פאנגט איהם פון וואסער . ועיין בתוספות . נאך האט רב געזאגט אדא דער פיש פאנגער האט מיר געזאגט אפיש זאל מען בראטען מיט זיין ברודער . מיט זאלץ וואפיש איז פון וואסער און זאלץ איז פון וואסער . און נאך דעם בראטען זאל מען איהם אביין לייגען צוא זיין פאטער . אין קאלטע וואסער

אשתי עליה אבוה ואמר רב אמר לי אדא ציידא כוורא תחלי וחלבא ליטעון גופא ולא ליטעון פוריא ואמר רב אמר לי אדא ציידא כוורא תחלי וחלבא מיא ולא שיכרא ולא חמרא :

אוכלים אותו : אשתי עליה אבוה. שמוזין עליו מים שדגים נבראו מן המים : תחלי. שחלים : ליטעון גופא. כלומר לאחר אכילתו מהלך הרבה קודם שישן : ולא לטעון פוריא. לא יישן לאלתר אחריהם : מיא ולא שיכרא. מוטב לשתות אחריהם מים ולא שכר :

## ואלו מגלחין פרק שלישי

א תניא רבי עקיבא אומר מנין לסנהדרין (דף יד ע"ב) (שראו באחד שהרג את הנפש) [שהרגו את הנפש] שאין טועמין כל אותו היום ת"ל (ויקרא יט) לא תאכלו על הדם (אלא ליעיוניה בדיניה הכי נמי וכו'). (דף טו) מנודה שמת ב"ד סוקלין את ארונו רבי יהודה אומר לא שיעמידו עליו גל אבנים כגלו של עכן אלא בית דין שולחין ומניחין אבן גדולה על ארונו ללמדך שכל המתנדה ומת בנדויו ב"ד סוקלין את ארונו :

ב מצורע מהו בדברי תורה. ת"ש (דברים ד) והודעתם לבניך ולבני בניך (וסמיך ליה) יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב מה להלן ביראה ובאימה ברתת ובזיע (אף כאן ביראה ובאימה ברתת ובזיע) מכאן אמרו הזבין (והזבות) והמצורעים ובועלי נדות

(ממדה שמת וכו'. שיפא דברייתא היא) : כגלו של עכן. דכתיב ויקימו עליו גל אבנים גדול : (זבין ומצורעין. ברתת ובזיע הם עומדין שלבם דואג עליהם : ובועלי נדות. נמי אף על פי שמתוך קלות ראש בעלו את הנדה אחר כך דואגין

---

וואסער. אונ מען זאל איהם עסין מיט זיין זוהן. מען זאל איהם אריין ליגען אין די בלוט וואס איז ארויס גיגאנגען פון איהם: אונ מען זאל איהם עסין. דער נאך זאל מען טרינקען זיין וואסער. נאך האט רב גזאגט אדא דער פיש פאנגער האט מיר גזאגט. אז מען עסט פיש. אדער מען עסט תחלי ודאס איז אזוי אפיין: אדער מען טרינקט מילך. זאל מען נאך דעם פיל גיין. אונ מען זאל זיך ניט ליגען באלד שלאפען. נאך האט רב גזאגט אדא דער פיש פאנגער האט מיר גזאגט. אז מען עסט פיש. אדער מען עסט תחלי. אדער מען טרינקט מילך. זאל מען בעסער נאך דעם טרינקען וואסער אונ ניט קיין ביר. אונ אז ער הט ניט קיין וואסער זאל ער טרינקען ביר אונ ניט קיין וויין :

## פרק שלישי

א תניא. מיר האבען גילערונט רבי עקיבא זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די סנהדרין האבען גיהרגת אמענטשין וואס מען האט איהם גידארפט הרגנן. אז זיי טארין ניט עסין דעם טאג. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט עסין אויף בלוט. אז בית דין האבען איינעם מחרים גיוועזן. אונ דער מענטש איז גישטארבען. האבען בית דין ארויף גילייגט שטיינער אויף זיין קאסטען (פאר צייטען פלעגט מען באגראבען אין אקאסטען). רבי יהודה זאגט ניט מען האט ארויף גילייגט אויף זיין קאסטען אבארג שטיינער אזוי וויא מען הט ארויף גילייגט אויף עכן (יהושע קפיטל ז). נייער בית דין האבען געשיקט אמענטשין אונ דער מענטש האט גילייגט אגרויסען שטיין אויף זיין קאסטען. צו ווייזען אז דער וואס איז אין חרם. אונ ער שטארבט ווען ער איז אין חרם. לייגען בית דין ארויף אשטיין אויף זיין קאסטען :

ב מצורע. אקרעציגער מעג לערנען תורה אדער ניין. זאגט די גמרא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט מאכען וויסען צו דיינע קינדער אונ צו דיינע קינדערס קינדער דיא אלע זאכען וואס דו האסט גיזעהן דעם טאג וואס דו ביסט גישטאנען פאר דיין גאט אויף דעם בארג חורב. אזוי ווי דארטין ביסטו גישטאנען מיט מורא אונ מיט ציטערניש. אזוי אלע מאל ווען דוא וועסט לערנען תורה זאלסטו זיין מיט מורא אונ מיט ציטערניש. דריבער זאגען מיר אז אזב אונ אמצורע אונ דער וואס האט בועל גיוועזן אנדה. מעגין לערנען תורה נביאים כתובים. אונ מדרש אונ גמרא אונ דינים אונ אגדתות. אזב אונ אמצורע ווייל זייא זענען

קראנק

נדות כותרין לקרות בתורה ובנביאים ובכתובים (ובמשנה) ולשנות במדרשו ובגמרא ובהלכות ובאגדות ובעלי קריין אסורין שמע מינה . [אבל חייב בכפית המטה דתני בר קפרא (ע"ג) דמות דיוקני נתתי בהם ובעונותיהם הפכתיה כפו מטותיהן עליה] :

(דף טז) ג **אמר** רבא מנ"ל ד (קבעינן דוכתא ו) משדרינן שלוחא דב"ד ומזמינן ליה לדינא דכתיב (במדבר טז) וישלח משה לקרא לדתן ולאבירם בני אליאב ומנ"ל דמזמינן לדינא דכתיב (שם) ויאמר משה אל קרח אתה וכ' עדתך (היו לפני ה') . לקמי גברא רבה מדכתיב היו לפני ה' את ופלניא דכתיב אתה והם ואהרן דקבעינן זימנא דכתיב מחר זימנא בתר זימנא דכתיב (ירמיה מו) קראו שם פרעה מלך מצרים שאון העביר המועד ומנ"ל דאי מתפקר בשלוחא דב"ד ואתי ואמר לא מיתחזי כלישנא

מפני כתפה) : בעלי קריין אסורין . (מי שמת לכם מתוך שמחה וקלות ראש (הוא דרואין קרי ואלו שמת מתוכו נמי לאו כרתה קאי דשמחה היא לו) ולילה אימה : דמות דיוקני . בצלם אלהים עשה את האדם] :
ומזמינן ליה לדינא . לבע"ד : זימנא בתר זימנא דאי לא אתי בה"ת זימנא קבעינן ליה זימנא אחריתי : קראו שם . שמהה כלומר שמתא לפרעה שהעביר המועד כלומר שהעביר אותו מועד שנתנו אחר מועד ראשון : דאי מספקר בשליחא . דרבנן כלומר שמיקף שליח ב"ד ואינו אתי ואמר פרשי

---

קראנק איז זייער הארץ צו בראכען . אונ דער וואס האט בועל געוועזן אנדה ווייל ער האט געזינדיגט איז אויך זיין הארץ צו בראכען . דריבער לערנען זיי מיט מורא אונ מיט ציטערניש . אבער דער וואס האט בועל געוועזן זיין ווייב . אדער עס איז ארויס געגאנגען פון איהם שכבת זרע ווייל ער האט געטראכט פון פרייצאכקייט . איז ער ניט מיט מורא . פאר ער ניט לערנען תורה . אאבל מוז אומקערן די בעט מיט די פיס ארויף . ווארום בר קפרא האט געלערנט גאט זאגט דעם בילד פון מיין געשטאלט האב איך זיי געגעבען . אמענטש אונ דורך זייערע זינד האב איך איהם פארקערט צוא ערד . דריבער זאלט איר פאר קערין אייערע בעטין :

ג **אמר** . רבא האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז בית דין דארפען האבען אארט אויס געזעצטין ואבית דין שטובו וואו צו משפטין . אונ בית דין שיקען זייער שליח מען זאל קומען האבען אדין תורה . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געשיקט רופען דתן אונ אבירם די קינדער פון אליאב . זעהן מיר פון דעם פסוק אז בית דין שיקען אשליח מען זאל קומען צו אדין תורה . אונ ווייל דתן אונ אבירם האבען געזאגט מיר וועלען ניט אויף גיין . וצו דעם ארט וואס דו זיצט ביי דעם משפט) . זעהן מיר אז עס דארף זיין אאויסגעזעצטער ארט וואו צו משפטין . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער דיין אליין מעג איהם אויך רופען צום דין תורה . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו קרח דו מיט דיין גאנץ פערזאמלונג זאלט איר קומען צום משפט . האט משה אליין איהם גירופען צום משפט . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער שליח דארף זאגען זיא זאלען קומען צום משפט פאר אגרויסען תלמיד חכם . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט איר זאלט זיין פאר גאט . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער שליח דארף זאגין מיט וועמען ער זאל שטיין צום משפט . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו קרח דו אונ זיי אונ אהרן . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער שליח זאל איהם זאגען ווען דער משפט וועט זיין אונ ער זאל ניט זאגין פלוצלונג דוא מוזט שוין גיין צום משפט . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט מארגין זאלט איר שטיין צום משפט . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז ניט גיקומען צוא די אויס געזעצטע צייט . בשטעלט מען איהם אויף איין אנדער צייט . ווארום עס שטייט אין פסוק מען האט גירופען אתרם אויף פרעה דעם מלך פון מצרים מען האט גיברומט אויף איהם אז ער איז שוין אריבער די אנדערע צייט אויך וואס מען האט איהם אויס געזעצט צו קומען . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער האט געזידלט דעם שליח פון בית דין . אונ דער שליח איז גיקומען צו בית דין אונ ער האט געזאגט יענער האט מיך געזידלט . הייסט דאס ניט קיין לשון

העיני האנשים ההם תנקר. אי לא דגלית אמר ליה למשה מהם לא הוה ידע: הכי סברא דגברא פלניא. דעה פלוני שבא לנדות את פלוני שצריך לנדותו מחמת של אותו חכם: אמר מלאך ה'. ברק אמר לשמתו שהוא שלוחו של מקום: מחרמינן. בארור: דפרסינן חטאיה. דאמרינן לאנשי עירו מאום הכי משמתינן ליה: כוכבא הוה. מזליה דסיסרא: דמפקרינן נכסיה. דמאן דלא אייתי לכו נרבנן: יחרם כל רכושו. דהפקר ב"ד הפקר ומהכא נפקא לן בכל דוכתין: ואריב עמם ואקללם. לאותם שהושיבו נשים נכריות: דכפתינן. ידיו ורגליו ואסרים. ליה שקושרין אותו על העמוד להלקותו:

כלישנא בישא דכתיב (במדבר טז) העיני האנשים ההם תנקר. ומנ"ל דמשמתינן דכתיב (שופטים ה) אורו מרוז דהכי סבר' דגברא פלניא דכתי' אמר מלאך ה' ומנ"ל דמחרמינן דכתיב אורו ארור. דאכיל ושתי בהדיה וקאי בד' אמות דידיה דכתיב יושביה ומנ"ל דפרטינן חטאיה בציבורא דכתיב (שם) כי לא באו לעזרת ה'. ואמר עולא בד' מאה שיפורי שמתיה ברק למרוז איכא דאמרי גברא רבא הוה ואיכא דאמרי כוכבא הוה שנאמר מן שמים נלחמו הכוכבים ומנ"ל דמפקרינן נכסיה דכתיב (עזרא י) וכל אשר לא יבא וגו' בעצת השרים והזקנים יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה ומנ"ל דנצינן ולייטינן ומחינן ותלשינן שער ומשבעינן דכתיב (נחמיה יג) ואריב עמם ואקללם ואכה מהם אנשים ואמרטם ואשביעם ומנ"ל דכפתינן ואסרינן ועבדינן הרדפה דכתיב (עזרא ז)

הן

---

רע. וואָרום עס שטייט אין פסוק דתן און אבירם האבן גזאגט אפילו דו וועסט אויס שטעכן די אויגען פון די מענטשן וועלען מיר אויך ניט אויף גיין. פון וואנען האט משה געוואוסט אז דתן און אבירם האבן אזוי גזאגט. געוויס האט דער שליח דער ציילט צו משה. און אויב דער מענטש וויל ניט קומען צו בית דין פון וואנען ווייסען מיר אז מען איז איהם מחרים. וואָרום עס שטייט אין פסוק אורו מרוז. איר זאָלט פלוכען דעם מרוז. און פון וואנען ווייסען מיר אז דער וואס זאגט דעם חרם בארף ער זאגען דער תלמיד חכם האט גזאגט דוא זאָלסט זיין אין חרם. וואָרום עס שטייט אין פסוק דער מלאך פון גאט האט גזאגט מרוז זאָל זיין גיפלוכט. און פון וואנען ווייסען מיר אז מען איז מחרים מיט קללות. וואָרום עס שטייט אין פסוק אורו ארור. איר זאָלט איהם מחרים זיין און פלוכען. און פון וואנען ווייסען מיר אז דער וואס עסט און טרינקט מיט איהם און דער וואס שטייט אין זיינע פיר איילען איז ער אויך אין חרם. וואָרום עס שטייט אין פסוק יושביה. דיא זיצער פון מרוז זאָלען אויך זיין גיפלוכט. און פון וואנען ווייסען מיר אז מען רופט אויס פאר אלע מענטשן די עבירה וואס ער האט גיטאהן. וואָרום עס שטייט אין פסוק די עבירה וואס מרוז האט גיטאהן איז גיוועזן ווייל זיי זענען ניט גיקומען צו די הילף פון גאט. נאך האט עולא גזאגט מיט פיר הונדערט שופרות האט ברק מחרים גיוועזן דעם מרוז. ווער איז גיוועזן דער מרוז. אנדערע זאגען ער איז גיוועזן א גרויסער מאן. און אנדערע זאגען דאס איז גיוועזן א שטערין. דער מזל פון סיסרא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון הימעל האבען די שטערין געשטריטען. און פון וואנען ווייסען מיר אז דער וואס פאלגט ניט וואס די רבנן זאגען. איז מען מפקיר זיין פאר מעגין. וואָרום עס שטייט אין פסוק און דער וואס וועט ניט קומען אזוי ווי די שרים און די זקנים האבען גיהייסען. זאל פאר ווסט ווערין זיין פאר מעגין און ער זאל אפ גישיידט ווערין פון די יודישע פאר זאמלונג. און פון וואנען ווייסען מיר אז מען קריגט מיט איהם. און מען פלוכט איהם. און מען שלאגט איהם. און מען רייסט איהם אויס די האר. און מען בשווערט איהם ער זאל שוין ווייטער פאלגין. וואָרום עס שטייט אין פסוק נחמיה האט גזאגט איך האב גקריגט מיט זיי ומיט די מענטשן וואס האבען גינומען גוישע ווייבער. און איך האב זיי גיפלוכט. און אנדערע מענטשן פון זיי האב איך גישלאגען. און איך האב אויס גערופט זייערע האר פון קאפ. און איך האב זיי בשווארין זייא זאלען שוין ניט נעמען קיין גוישע ווייבער. און פון וואנען ווייסען מיר אז מען בינט זיי די הענט מיט דיא פיס. און מען בינט זיי אויף אברעט וואס שטייט אין דער ערד. מען זאל זיי שלאגען מלקות. און די אלע זאכען טוהט מען איהם באלד וויא ער פאלגט ניט. וואָרום עס שטייט אין פסוק סיי צום הרגן.

הן למות הן לשרושי הן לענש נכסין ולאסורין [מאי לשרושי אמר אבא כרי וכו' אמר רב יהודה הרדפה מאי הרדפה אמר רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב מנדין לאלתר ושונין לאחר שלשים ומחרימין לאחר ששים. רבי שמעון בר רבי ובר קפרא הוו יתבי וקא גרסי קשיא להו שמעתא אמר ליה ר"ש לבר קפרא דבר זה צריך רבי אמר ליה בר קפרא לר"ש ומה רבי אומר בדבר זה אזל אמר ליה לאבוה איקפד אתא בר קפרא לאתחזויי ליה אמר ליה בר קפרא איני מכירך מעולם ידע דנקט מלתא בדעתיה נהג נזיפותא בנפשיה תלתין יומין]:

הרדפה. קא מפרש לרודפו מיד דכיון דלא ציית דינא מנדין אותו: ושונין. מנדין אותו פעם אחרת: מה רבי אומר בדבר זה. אין רבי בעולם שיודע דבר זה: אמר ליה לאבוה. נפי אותו ולא מצוה לישאל ניסא: לאתחזויי ליה. לבקר את רבי בחולי שהיה חולה שקבל עליו יסורין: אמר ליה בר קפרא איני מכירך. כמו לו שאינו רוצה לראותו:

וחמוקי ירכיך. כמו חמק עבר (שיר ה): אף דברי תורה בסתר. דכתיב בסוטה דקרא מעשה ידי אמן הסורה מעשה ידי אומנתו של הקדוש ב"ה. ורבה בר בר חנה בר אחוה דרבי חייא דהוא בר אחתיה ורבה בר בר חנה בר אחיה דרבי חייא דלאו בר אחתיה דאמריק בסנהדרין דף ה: עייא. כך כינה שמו של רבי חייא לשון גנאי (זקן במקרא המיטון אותך): ראה מי קורא לך. כלומר

ד פעם אחת גזר רבי שלא ישנו (ל)תלמידים בשוק מאי דרש (שה"ש ז) חמוקי ירכיך מה ירך בסתר אף דברי תורה בסתר יצא רבי חנינא ושנה לשני בני אחיו בשוק לרב ולרבה בר בר חנה. שמע רבי איקפד אתא רבי חייא לאיתחזויי ליה אמר ליה עייא ראה מי קורא לך מבחוץ ידע דנקיט מילתא בדעתיה נהג נזיפותא בנפשיה תלתין יומין ביום תלתין שלח

---

סיי לשרושי. סיי מען זאל שטראפען זיין פאר מעגין. סיי מען זאל איהם בינדען. דאס טוהט מען אלץ באלד. וואס איז דער טייטש לשרושי. האט אבא מרי גזאגט רב יהודה הט גזאגט לשרושי מיינט מען הרדפה. וואס איז הרדפה. האט רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת גזאגט פון רבם וועגין מען דער ווייטערט איהם באלד. אונ נאך דרייסיג טעג דער ווייטערט מען איהם נאך אמאהל אונ נאך זעכציג טעג איז מען איהם מחרים. רבי שמעון דער זוהן פון רבי אונ בר קפרא זענען גיזעסען אונ האבען גילערנט. איז זיי שווער גיוועזן אדין. האט רבי שמעון גזאגט צו בר קפרא די זאך דארף מען פרעגין ביי רבי. האט בר קפרא גזאגט צו רבי שמעון וואס קען רבי זאגען ביי דער זאך. רבי וועט דאס אויך ניט וויסען. האט רבי שמעון דאס גזאגט צו זיין פאטער. פאר רבי. איז רבי אין כעס גיווארען אויף בר קפרא. אמאהל איז בר קפרא גיקומען צו רבי מבקר חולה זיין. האט רבי צו איהם גזאגט. בר קפרא איך קען דיך ניט. האט בר קפרא גיוואוסט אז רבי איז אויף איהם אין כעס. הט בר קפרא זיך אליין מחרים גיוועזן אויף דרייסיג טעג:

ד פעם. אמאהל האט רבי גוזר גיוועזן די תלמידים זאלען ניט לערנען תורה אין גאס. וואס האט רבי גידרשת עס שטייט אין פסוק חמוקי ירכיך. אזוי ווי דער ירך פון מענטשין ווירד איז די פאלקע. פון קניא ביז צום בויך) איז אייביג פאר דעקט. אזוי די תורה ווס אמענטש לערנט דארף זיין פאר דעקט. מען זאל לערנען אין אשטוב ניט אויף די גאס: רבי חייא הט גילערנט תורה מיט די צוויי זין פון זיין ברודער אין גאס. מיט רב אונ מיט רבה בר בר חנה. האט רבי גיהערט אז רבי חייא לערנט אין גאס איז ער אין כעס גיוועזן. אמאהל איז גיקומען רבי חייא צו רבי מבקר חולה זיין. האט רבי גזאגט צו רבי חייא. עייא זעה נאר ווער רופט דיך פון די גאס ווייל רבי חייא האט ניט גיקענט זאגען קיין ח"ת. פלעגט ער אויף זיין נאמען חייא זאגען עייא. דריבער האט איהם רבי אויך אזוי גירופען. האט רבי חייא געוואוסט אז רבי איז אויף איהם אין כעס. האט רבי חייא זיך אליין מחרים גיוועזן אויף דרייסיג טעג. דעם דרייסיגסטען טאג האט רבי געשיקט צו רבי חייא ער זאל קומען צו איהם. באלד האט רבי געשיקט נאך אשליח צו רבי חייא ער זאל ניט קומען. פרעגט די גמרא וואס האט רבי פריער גימיינט וואס ער האט געשיקט ער זאל יא קומען. אונ וואס האט ער באלד דער נאך גימיינט וואס ער האט געשיקט ער זאל נישט קומען. זאגט די גמרא פריער האט רבי גימיינט

לא מכלן : הלא. כא אני והדר שלח ליה לא תיתי: מאי. שנית אני לא ראיתי : ברצות ה' דרכי איש. (שלא ראה בשלית ששלח לו רבי בשניה דלאי הוה חזי לא אתי) : גם אויביו ישלים אתו. כי הוא על כרחו בא : מ"ט עבדת הכי. דכתיב בשוק : (לא שניה. כפסוק פעם שניה : בחוץ תרונה. פירש שלמה מ"נכת : לא מראש בסתר דברתי. בשעה שמן שכרה אלמא שורה כשניה בחוץ) : ביומא דכלה. דרשה שהכל מצויין שם: מוקים לה בצדקה. דמיבעי'

שלח ליה תא הדר שלח ליה לא תיתי מעיקרא מאי סבר ולבסוף מאי סבר מעיקרא סבר מקצת היום ככולו ולבסוף סבר לא אמרינן מקצת היום ככולו [לסוף] אתא אמר ליה מאי טעמא אתית אמר ליה דשלח לי מר דליתי והא שלחי לך דלא תיתי זה ראיתי וזה לא ראיתי קרי עליה (משלי טז) ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו. אמר ליה מאי טעמא עבדת הכי אמר ליה דכתיב (שם א) חכמות בחוץ תרונה. אמר ליה אם קרית לא שנית ואם שנית לא שלשת ואם שלשת לא פירשו לך חכמים חכמות בחוץ תרונה כדרבא דאמר רבא כל העוסק בתורה מבפנים תורתו מכרזת עליו (בפרהסיא) [מבחוץ] והכתיב (ישעיה מח) לא מראש בסתר דברתי ההוא ביומי דכלה. ורבי חייא האי חמוקי ירכיך מאי עביד לה מוקי לה בצדקה ובג"ח. [שמואל ומר עוקבא כי הוו יתבי גרסי שמעתא הוה יתיב מר עוקבא קמיה דשמואל ברחוק ארבע אמות וכי הוו יתבי בדינא הוה יתיב שמואל קמיה דמר עוקבא ברחוק

---

ווייל עס איז שוין אוועק גיגאנגען אביסעל פון דעם דרייסיגסטען טאג. איז גלייך. וויא דער גאנצער טאג. איז שוין נאך דעם תרם. דער נאך האט רבי גיטראכט מיר זאגען ניט אז דער ביסול טאג זאל זיין גירעכענט פאר אגאנצען טאג. דארף זיין רבי חייאס חרם דעם גאנצען דרייסיגסטען טאג ביז נאכט. דער ווייל איז רבי חייא גיקומען צו רבי. האט רבי גזאגט צו רבי חייא פאר וואס ביסטו גיקומען. האט רבי חייא גזאגט ווייל דער רבי האט געשיקט איך זאל קומען. האט רבי גזאגט איך האב דאך געשיקט נאך אשליח מען זאל דיר זאגען דו זאלסט ניט קומען. האט רבי חייא גזאגט דעם ערשטין שליח האב איך גיזעהן אונ דעם אנדערין שליח האב איך ניט גיזעהן. האט רבי גיזייגט דעם פסוק אויף רבי חייא. ווען גאט וויל די וועגין פון דעם מענטש. ווערין זיינע פיינד שלום מיט איהם. האט רבי גזאגט צו רבי חייא פר וואס האסטו אזוי גיטאהן אונ האסט גילערנט מיט תלמידים אין גאס. האט רבי חייא גזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק חכמות בחוץ תרונה. דיא חכמה ודיא תורה זינגט אין גאס. האט רבי גזאגט צו רבי חייא אויב דוא האסט גילערנט תנ"ך האסטו אבער נישט גילערנט משניות. אונ אויב דוא האסט גילערנט משניות אויך. האסטו אבער נישט גילערנט גמרא. אונ אויב דוא האסט גילערנט גמרא אויך האט מען דיר נישט גזאגט אויף ריכטיג וואס דער פסוק מיינט ועיין מהרש"א. וואריום רבא האט גזאגט דער וואס לערנט תורה אין שטוב אדער אין בית המדרש. אפילו קיינער זעהט גאר ניט וויא ער לערנט. רופט דיא תורה אויס אין גאס אויף דעם מענטש אלע זאלען וויסען אז ער לערנט תורה. דס מיינט דער פסוק חכמות בחוץ תרונה. די תורה רופט אין גאס יענער מענטש לערנט תורה. האט רבי חייא גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק גאט זאגט אין אנהייב ווען איך האב גיגעבין די תורה האב איך ניט גירעט אין דער שטיל. זעהן מיר דאך אז די תורה דארף גילערנט ווערין אויף די גאס אלע זאלען הערין. הט רבי גזאגט דאס מיינט מען דעם שבת וואס פאר יום טוב. ווען מען זאגט אדרשה. זאל די דרשה גזאגט ווערין אויף אזוי אארט וואס אלע זאלען הערין. פרעגט דיא גמרא אונ וואס טוהט רבי חייא מיט דעם פסוק חמוקי ירכיך. דאס מיינט מען צדקה אונ גמלות חסדים. אז איינער גיט צדקה אדער ער טוהט איינעם אטובה. זאל דאס זיין אין דער שטיהל. קיינער זאל ניט וויסען. יענער זאל ניט פאר שעמט ווערין. ווען שמואל אונ מר עוקבא האבען גילערנט. איז מר עוקבא גיזעסען פאר שמואל. ווייט פון איהם פיר איילען. אונ ווען מר עוקבא מיט שמואל זענען גיזעסען פסקנען אדין תורה. איז שמואל גיזעסען פאר מר עוקבא. ווייט פון איהם פיר איילען. ווייל מר עוקבא איז גיוועזען אנשיא. פון דעסטוועגין האט מר עוקבא גיגעבין כבוד צו שמואל.

אונ

ברחוק ארבע אמות והוו חייקי ליה דוכתא למר עוקבא בציפתא ויתיב עילויה כי היכי דלישתמען מליה] :

ה ההיא אתתא דהות יהבה בשבילה הות פשטא כרעא וקא מניפא חושלאי והוה חליף ואזיל צורבא מרבנן ולא איכנעא מקמיה אמר כמה חציפא האי איתתא אתאי לקמיה דר"נ א"ל מי שמעת שמתא מפומיה אמרה ליה לא אמר ליה זילי נהיגי נזיפותא חד יומא בנפשך :

ו (רב) זוטרא בר טוביה הוה קא פסיק סידרא קמיה דרב יהודה כי מטא להאי פסוקא (ש"ב כג) ואלה דברי דוד האחרונים אמר ליה אחרונים מכלל דאיכא ראשונים מאי ניהו שתיק ולא אמר ליה ולא מידי הדר אמר ליה אחרונים מכלל דאיכא ראשונים מאי ניהו אמר ליה מאי דעתך כל דלא ידע פרושא דהאי קרא לאו גברא רבה הוא ידע דנקט מילתא ברעתיה נהג נזיפותא בנפשיה חד יומא ובמאי דרמי עליה) [ודאתאן עלה] מיהא אחרונים מכלל דאיכא ראשונים מאי ניהו דכתיב (ש"ב כב) וידבר דוד לה' את דברי השירה הזאת וגו' אמר ליה הקב"ה לדוד דוד שירה אתה אומר לפני על מפלתו של שאול (חייך) אלמלא אתה שאול והוא דוד אבדתי



למעבד כסהר : [חייקי לי דוכתא : מנמיכין לו מקום כשיושב בדין : כי היכי דלישתמען מליה . דשמואל רביה בתורה] :
ומי שמעת שמעתא מפומיה . אי שמית לך] :
פסיק סידרא . לומד פרשיות : אלה דברי דוד האחרונים מכלל דאיכא ראשונים . וכא לא מצינו שאמר דברי דוד אלא בזה הפסוק בלבד ודברי הוא לשון נבואה : (הדר . בעא מיניה זימנא אחרינא דברי דוד היכן מצינו בדוד דברי : כל דלא ידע . דבר זה אבד חכמתו כדמיה) : אלמלא אתה שאול כו'. שנולדת במזלו של שאול : והוא דוד מלך במזלך : אבדתי כמה דוד מפניו . שכול

---

אונ דער אָרט וואו מַר עוקְבָא איז גיזעסין איז גיוועזן נידעריגער וויא דער אָרט פון שְׁמוּאֵל . אונ מַר עוקְבָא איז גיזעסען אויף אַ קִישֶׁען . צו ווייזען אַז שְׁמוּאֵל איז גְרֶעסֶער פאר איהם אין לערנען . עס זאל גהערט ווערין די רייד פון שְׁמוּאֵל :

ה הַהִיא · אַ אִשָּׁה איז אַמָאהל גיזעסען אויף דעם וועג וואו מענטשין גייען אונ האט גיהאלטען אוים גיצויגען די פיס אונ האט גֶעצִיפְּט פֶּענְצֶעק . איז פאר בַּיי גיגאנגען אַ לַמְדָן . אונ די אִשָּׁה איז ניט אונטער טעניג גיוואָרען פאר איהם . זיא האט ניט גינומען דיא פיס צוא זיך . אונ האט זיך ניט גישטעלט פאר איהם . האט דער לַמְדָן גזאגט וואס פאר אַ חֲצוּפָה די אִשָּׁה איז . דער נאך איז די אִשָּׁה גיקומען פאר רַב נַחְמָן אונ האט איהם דער צֵיילְט די חֲצִיפוּת וואס זיא האט גיטאהן . אונ זיא האט חֲרָטָה . האט רַב נַחְמָן גזאגט צו די אִשָּׁה דוא האסט אֶפְשַׁר גיהערט אַז ער האט גזאגט צו דיר דו זאלסט זיין אין חֵרֶם . האט די אִשָּׁה גזאגט ניין איך האב ניט גיהערט . האט רַב נַחְמָן גזאגט צו די אִשָּׁה זיי דיך אַליין מַחֲרִים אויף איין טאג :

ו רַב זוּטְרָא בַּר טוֹבִיָה האט גילערנט נְבִיאִים פאר רַב יְהוּדָה . אַז רַב זוּטְרָא איז גיקומען צו דעם פָּסוּק וְאֵלֶה דִבְרֵי דָוִד הָאַחֲרוֹנִים . דאס זענען די רייד פון דָוִד דיא לעצטע ; האט רַב זוּטְרָא גזאגט צו רַב יְהוּדָה אַז מען זאגט דאס זענען דיא לעצטע רייד . איז דאך גיוועזן ערשטע רייד . וואס זענען גיוועזן זיינע ערשטע רייד . האט רַב יְהוּדָה געשוויגען אונ האט גאר ניט גזאגט . האט רַב זוּטְרָא נאך אַמָאהל גזאגט צו רַב יְהוּדָה אַז מען זאגט דאס זענען די לעצטע רייד . איז דאך גיוועזן ערשטע רייד . וואס זענען גיוועזן זיינע ערשטע רייד . האט רַב יְהוּדָה גזאגט צו רַב זוּטְרָא וואס מיינסטו דער וואס ווייס ניט דעם פְּשַׁט פון דעם פָּסוּק איז ער ניט קיין גרויסער מאן . האט רַב זוּטְרָא געוואוסט אַז רַב יְהוּדָה איז אין כַּעַס אויף איהם . האט רַב זוּטְרָא זיך אַליין מַחֲרִים גיוועזן אויף איין טאג . זאגט די גְמָרָא אַז מיר האלטען בַּיי דעם פּסוּק דארפען מיר טאקי וויסען וואס רַב זוּטְרָא האט גיפרעגט . אַז מען זאגט דאס זענען די לעצטע רייד . איז דאך גיוועזן ערשטע רייד . וואס זענען גיוועזן דיא ערשטע רייד . ווארום עס שטייט אין פָּסוּק דָוִד האט גירעדט צו גאט די רייד פון די שִׁירָה . האט גאט גזאגט צו דָוִד . דָוִד דו זאגסט פאר מיר שִׁירָה אויף דעם וואס שָׁאוּל איז גיהרגת גיווארין ; ווען דוא וואלסט גיבארען גיווארען אין דעם מַזָל פון שָׁאוּל . אונ ער וואלט גיוועזן דָוִד .

כמה דוד מפניו והיינו דכתיב (תהלים ז) שגיון לדוד אשר שר לה' על דברי כוש בן ימיני וכי כוש שמו והלא שאול שמו ולמה נקרא שמו כוש לומר לך מה כושי משונה בעורו אף שאול משונה במעשיו. כיוצא בדבר אתה אומר (במדבר יב) על אודות האשה הכושית וכי כושית שמה והלא צפורה שמה ולמה נקרא שמה כושית לומר לך מה כושי משונה בעורו אף צפורה משונה במעשיה (הטובים ובמראה מכל הנשים) כיוצא בדבר אתה אומר (ירמיה לח) וישמע עבד מלך הכושי וכי כושי שמו והלא צדקיה שמו ולמה נקרא שמו כושי לומר לך מה כושי משונה בעורו אף צדקיה משונה במעשיו כיוצא בדבר אתה אומר (עמוס ט) הלא כבני כושיים אתם לי (בני ישראל) וכי כושים שמן והלא ישראל שמן ולמה נקרא שמן כושים לומר לך מה כושים משונים בעורן אף ישראל משונים במעשיהם מכל אומה ולשון:

ז **אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי (יוחנן) [יונתן] מ"ד (שמואל ב כג) נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הוקם על שהקים עולה של תשובה אמר (שם) אלהי ישראל לי דבר צור

**פירוש**

צדיק ממך: שגיון. שגגה פירש. ש (ומ"ק אלא דברי דוד האחרונים אלו היו עיקר אבל הראשונים אשר שר על שאול לא היה נכון ממש): משונה במעשיו. (שכל דורו רשעים והוא) צדיק [גמור]: שהקים עולה של תשובה. שהוא שב תחלה ומהן דרך לשבים כדאמרינן בפרק קמא דע"ז לא היה דוד ראוי לאותו מעשה ולא ישראל ראויים לאותה מעשה אלא אם חטא וכו': (עולה. לשון תועלת): אמר דוד אלהי ישראל לי דבר. דברים הללו): צור ישראל. ומושל באדם אני ומי מושל בי צדיק (מושל ביראת אלהים גזרה שגזר הקב"ה בטלה מושל

---

װאלט איך פיל דרדס פאר לוירען פאר שאול. װארום שאול איז געװען מער צדיק װי דו. דריבער שטייט אין פסוק שגיון לדוד אשר שר ליי על דברי כוש בן ימיני. דוד האט געטאהן אפעקער װאס ער האט גזאגט שירה צוא גאט פון װעגין כוש בן ימיני (שאול װאס ער איז פון שבט בנימין). פרעגט די גמרא פאר װאס האט מען גירופען שאולען כוש. נאר אזוי װי די הויט פון דעם כושי איז געענדערט פון אלע מענטשין. אזוי זענען געװען די מעשים פון שאול געענדערט צו גוטען מער װי פון אלע יודען. און װייל דוד האט ניט גוט געטאהן מיט זיינע ערשטע רייד װאס ער האט גזאגט שירה אויף שאול. דריבער שטייט אין פסוק דאס זענען די לעצטע רייד. פון דוד. װאס זענען שוין גוט געװען. נאך אזוי אגליכען שטייט אין פסוק. פון װעגין די אשה כושית װאס משה האט גינומען. די װייב פון משה האט דאך גיהייסען צפורה. פאר װאס רופט מען איר כושית. נאר מען מיינט אזוי װי די הויט פון דעם כושי איז געענדערט פון אלע מענטשין. אזוי זענען געװען די מעשים פון צפורה געענדערט צו גוטען מער װי פון אלע יודען. נאך אזוי אגלייכען שטייט אין פסוק. דער קנעכט פון מלך הכושי האט גיהערט. האט דען דער מלך גיהייסען כושי. ער האט דאך גיהייסען צדקיהו. נאר װאס רופט מען איהם כושי. נאר אזוי װי דיא הויט פון דעם כושי איז געענדערט פון אלע מענטשין. אזוי זענען געװען די מעשים פון צדקיהו געענדערט צו גוטען מער װי פון אלע יודען. נאך אזוי אגלייכען שטייט אין פסוק. גאט זאגט איר זענט ביי מיר אזוי װי די כושיים. זיי זענען דאך ניט כושיים נאר ישראל. פאר װאס רופט מען זיי כושיים. נאר אזוי װיא דיא הויט פון דיא כושיים איז געענדערט פון אלע מענטשין. אזוי זענען די מעשים פון די יודען געענדערט צו גוטען מער װיא פון אלע פעלקער װאס שטייט דארט אין פסוק פלשתים ארם בכפתור קיר:

ז **אמר**: רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתם װעגין. עס שטייט אין פסוק דאס איז די רייד פון דוד בן ישי. און דאס איז די רייד פון דעם מענטש הוקם על. װאס מיינט מען הוקם על. ער האט אויף גישטעלט די הילף פון תשובה. דוד איז געװען דער ערשטער װאס האט תשובה געטאהן און ער האט געװיזען פאר די װעלט אז מען טוהט תשובה איז גאט מוחל. װאס מיינט דער פסוק אמר אלהי ישראל לי דבר צור ישראל מושל באדם צדיק מושל יראת אלהים. האט רבי אבהו גזאגט אזוי מיינט מען. אמר אלהי ישראל לי דבר. דוד

האט

צור ישראל מושל באדם צדיק מושל יראת אלהים מאי קאמר אמר רבי אבהו הכי קאמר אמר (דוד) אלהי ישראל לי דבר צור ישראל אני מושל באדם ומי מושל בי צדיק שאני גוזר גזירה והוא מבטלה (לישנא אחרינא צור ישראל אני מי מושל באדם צדיק שאני גוזר גזרה והוא מבטלה) :

על בני אדם צדיק) מושל בי ומבטלה: (מאי קאמר. אלו בשבת תחכמוני שמות גבורים נינהו) : בשבת. ישיבה נמוכה במשמע : ועירא היאירי. הוה מתני לדוד על גבי כרים וכסתות ודוד הוה מתני לרבנן על גבי קרקע : תהא ראש לשלשה אבות. ושבות הולך לפניהם לעה"ב (שכולם חיים וכתיב ועבדי דוד מלך עליהם): מעדן. כוסף ידיו ורגליו ויושב לארץ כמו התולע מעדנות כימים :

(סס) **ח** אלה שמות הגבורים אשר לדוד יושב בשבת תחכמוני ראש השלישי הוא עדינו העצני על שמונה מאות חלל בפעם אחת מאי קאמר אמר רבי אבהו ה"ק אלה שמות גבוריו של דוד יושב בשבת בשעה שהיה יושב בישיבה לא היה יושב לא על גבי כרים ולא על גבי כסתות אלא על גבי קרקע דכל כמה דהוה קיים (רביה) עירא היאירי הוה מתני להו לרבנן על גבי כרים וכסתות כי נח נפשיה דעירא היאירי הוה מתני דיד להו לרבנן על גבי קרקע אמרי ליה ליתיב מר אכרים ואכסתות לא קביל עליה. תחכמוני (אמר רב) אמר ליה הקב"ה הואיל והשפלת עצמך תהא כמוני שאני גוזר גזירה ואתה מבטלה. ראש השלשי (תהא) ראש לשלשה אבות. הוא עדינו העצני בשעה שהיה עוסק בתורה מעדן עצמו כתולעת. העצני בשעה שיוצא למלחמה מקשה עצמו כעץ. על שמונה מאות חלל בפעם אחת שהיה זורק חץ ומפיל שמונה מאות חלל בפעם אחת והית

---

האט גזאגט דער גאט פון די יודען האט צו מיר אזוי גירעט. מען זאל תשובה טאהן וועט ער מוחל זיין. צור ישראל מושל באדם. גאט זאגט איך בין דער בשעפער פון די יודען איך גיוועלטיג איבער דעם מענטשין. אונ ווער גיוועלטיגט אויף מיר. צדיק מושל יראת אלהים. דער צדיק וואס האט מורא פאר גאט. גיוועלטיגט אויף מיך גאט. אז איך בין גוזר אגזירה קען דער צדיק דיא גזרה מבטל זיין :

**ח** אלה שמות הגבורים אשר לדוד יושב בשבת תחכמוני ראש השלישי הוא עדינו העצני על שמונה מאות חלל בפעם אחת. וואס מיינט דער פסוק: האט רבי אבהו גזאגט אזוי מיינט מען: אלה שמות הגבורים אשר לדוד. דאס זענען די נעמען פון דיא שטארקע מענטשין וואס זענען גיוועזן ביי דוד. יושב בשבת. ווען דוד איז גיזעסען אונ האט גילערנט מיט תלמידים. איז ער ניט גיזעסען ניט אויף גרויסע קישונס. אונ ניט אויף קליינע קישונס. נאר אויף די ערד איז ער גיזעסען. ווען עירא היאירי דער רבי פון דוד האט גילעבט איז עירא גיזעסען אויף קישונס אונ האט גילערנט מיט די תלמידים וואס זענען גיזעסען אויף די ערד. אונ אז עירא היאירי איז גישטארבען. אונ דוד איז גיווארען ארבי. איז דוד גיזעסען אויף די ערד אונ האט גילערנט מיט די תלמידים וואס זענען אויך גיזעסען אויף דיא ערד. האבען די תלמידים גזאגט צו דוד זאל דער רבי זיצען אויף קישונס. האט דוד ניט גיוואלט, תחכמוני וואס מיינט מען. האט רב גזאגט. גאט האט גזאגט צוא דוד ווייל דוא האסט דיך נידעריג גימאכט. וועסטו זיין אזוי ווי איך. אז איך וועל גוזר זיין אגזירה. וועסטו קענען די גזרה מבטל זיין: ראש השלישי. אויף עולם הבא וועסטו גיין פריער פאר די דריי אבות ופאר אברהם יצחק יעקבו. הוא עדינו. ווען דוד איז גיזעסען אונ גילערנט האט ער איין גיבויגען די הענט מיט די פיס אונ איז גיזעסען אויף די ערד אזוי ווי אווארעם. עדינו איז טייטש צו זאמען גיבונדען. העצני. אבער ווען דוד איז גיוועזן אין דער מלחמה איז ער גיוועזן הארט אונ שטייף אזוי ווי אהאלץ. על שמונה מאות חלל בפעם אחת. אז דוד האט גיווארפען אפייל האט ער גיהרגת אכט הונדערט מענטשין מיט איין מאהל. אונ ער האט גיצילט אויף נאך צוויי הונדערט. פאר וואס ער הרגת ניט טויזענד מיט איין מאהל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי די עכו"ם וויא אזוי יאגט נאך איינער טויזענד. האט דוד גזאגט פאר וואס ווען דיא יודען

זעגען

והיה מתאנח על מאתים דכתיב (דברים לב) איכה ירדוף אחד אלף יצתה בת קול ואמרה לו (מ"א טו) רק בדבר אוריה החתי :

(דף יז) **ט ההוא** צורבא מרבנן דהוו סנו שומעניה אמר רב יהודה היכי נעביד נישמתיה צריכי ליה רבנן לא נשמתיה קא מיחלל שמיה דשמיא אמר ליה לרבה בר בר חנה מידי שמיע לך בהא אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (מלאכי ב) כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבאות הוא . אם הרב דומה למלאך ה' צבאות יבקשו תורה מפיהו ואם לאו אל יבקשו מפיהו . שמתיה רב יהודה לסוף איחלש רב יהודה אתו רבנן לשיולי ביה ואתא איהו בהדי רבנן כדחזייה רב יהודה אחיך אמר ליה לא מסתייה דשמתיה להוא גברא אלא אחוכי נמי קא מחייך בי אמר ליה לאו בדידך חייכנא אלא דכי אזילנא לעלמא דאתי בדיחנא דעתאי דאפילו גברא רבה כותך לא חניפי ליה . נח נפשיה דרב יהודה אתא לבי מדרשא אמר להו שרו לי אמרו ליה גברא רבה דחשיבא כרב יהודה ליכא הכא דלישרי לך זיל לקמיה דרבי יהודה נשיאה

מתאנח על מאתים . שהסיר מן האלף דכתיב גבי נכרים איכה ירדוף אחד אלף דבזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום ירדוף אחד מן הנכרים אלף ישראל ושנים מהם יניסו רבבה ועל זה היה דוד מתאנח מפני מה בנכרים כתיב ירדוף אחד אלף אע"פ שאין עושין רצונו של מקום ובישראל בזמן שעושין רצונו של מקום נאמר בהם ורדפו מכם חמשה מאה וגו' ובפסיקתא דקרא הכי דכתיב לעיל מיניה אמרתי אפאיהם אמר הקב"ה אכלה אותם באפי ובחמתי ואשביתה מאנוש זכרם אם לא מפני אויביהם שיאמרו ידנו רמה וכהנו עמדה לנו כי הנכרים גוי אובד עצות המה ויאמרו שהם השמידום בכחם אבל לא יבינו לאחריתם שיאמרו איכה ירדוף אחד מהם אלף מישראל אם לא כי צורם מכרם שלא יהיו נופלים עתה לפניהם אלא ירדוף אחד מהם אלף מישראל) [בדבר אוריה החתי] . נפלו לו מאתים] :

סנו שומעניה . שמעו שמעניו מכוערין (פר"ח שהיה שם שמים מתחלל על ידו כדאמרינן בפ"ק ה"ד חלול השם כל שחבריו מתביישין משמועתו וכו') : צריכי ליה רבנן . (ללמוד תורה מפיו ואע"ג דאמרינן לעיל מנודה שונה ואחרים שונין לו היינו דוקא ה"מ הולך ויושב לפניו וכה"ג צריכי ליה רבנן) דאחריה דהוה רבהון : ואם לאו לא יבקשו תורה . שהולל ובנו שומעיה והא דצריכי ליה רבנן אלא כלום הוא דמוסב דלא ילפינן מיניה : אתא

---

ועגען זינדיג קען איין גוי נאך יאגען טויזענד יודען . אונ ווען דיא יודען זענען פרום קען ניט איין יוד נאך יאגען טויזענד גוים . איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו דוד חייל דורך דיר איז אוריה החתי גיהרגת גיווארען דריבער פעלט דיר צוויי הונדערט :

**ט ההוא** . עס איז אמאהל גיוועזען א למדן וואס ער האט גיהאט אמיאוסען נאמען . מען האט גיזאגט אויף איהם אז ער איז ניט פרום . האט רב יהודה גיזאגט וואס זאל מען טאהן מיט איהם . זאל מען איהם מחרים זיין . די תלמידים דארפען זיין תורה . זאל מען איהם ניט מחרים זיין איז א חילול השם . אלמדן אונ טוהט עבירות . וועט מען זאגען אז ער וויים די תורה איז ניט אמת , וועלען דיא פראסטע מענטשין טאהן אזוי ווי ער טוהט . האט רב יהודה גיזאגט צו רבה בר בר חנה האסטו אפשר גיהערט וואס מען זאל טאהן צו דער זאך . האט רבה גיזאגט צוא רב יהודה אזוי האט גיזאגט רבי יוחנן עס שטייט אין פסוק די לעפצין פון כהן היטען די וויסענשאפט אונ מענטשען זוכען צו לערנען תורה פון זיין מויל . ווארום ער איז אזוי וויא אמלאך פון גאט . אויב דער רבי איז גלייך צו אמלאך פון גאט : זאל מען זוכען צו לערנען תורה פון זיין מויל . אונ אויב דער רבי איז ניט פרום ווי אמלאך . זאל מען ניט לערנען תורה פון איהם . אונ דער תלמיד חכם חייל ער איז ניט פרום טאר מען ניט לערנען פון איהם . האט רב יהודה איהם מחרים גיוועזען : דער נאך איז רב יהודה קראנק גיווארען . זענען דיא רבנן גיקומען צו רב יהודה מבקר חולה זיין איז דער למדן מיט גיקומען מיט דיא רבנן . וויא רב יהודה האט איהם דער זעהן האט ער גי לאכט . האט דער למדן גיזאגט צו רב יהודה ניט גינוג וואס דוא האסט מיך מחרים גיוועזען , לאכסטו נאך פון מיר . האט רב יהודה גיזאגט צום למדן ניט פון דיר לאך איך . נאר איך פרייל לאך אז איך וועל קומען אויף יענע וועלט וועט מען זאגען אויף מיר אז אפילו צו אזוי אגרויסען למדן וויא דוא ביסט האב איך ניט גיחנפת . אונ רב יהודה איז גישטארבען . איז דער למדן גיקומען אין בית המדרש אונ האט גיזאגט צו די רבנן זיי זאלען איהם מתיר זיין דעם חרם . האבען די רבנן גיזאגט צו דעם למדן צווישען אונז איז ניטא אזוי אגרויסער למדן ווי רב

יהודה

נשיאה דלישרי לך. אזיל לקמיה אמר ליה לרבי אמי פוק עיין ביה בדיניה אי מיבעי למשרי ליה שריא ליה עיין רבי אמי בדיניה סבר למשרי ליה עמד רבי שמואל בר נחמני על רגליו ואמר ומה שפחה של בית רבי לא נהגו חכמים קלות ראש בנדויה ג' שנים יהודה חברנו על אחת כמה וכמה אמר רבי זירא מאי דקמן דאתא ליה סבא האידנא לבי מדרשא דהא כמה שני לא אתא ליה ש"מ ל"ם למישרא ליה לא שרי ליה נפק כי קא בכי ואזיל אתיא זיבורא טרקיה אאמתיה ושכיב עיילוהו למערתא דחסידי ולא קבלוהו עיילוהו למערתא דדייני וקבלוהו מאי טעמא דעבד כרבי אלעאי דתניא רבי אלעאי (הזקן) אומר אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו ילך למקום שאין מכירין אותו וילבש שחורים ויתעטף שחורים ויעשה מה שלבו חפץ ואל יחלל שם שמים בפרהסיא (איני והתניא העובר עבירה בסתר כאלו דוחק רגלי שכינה לא קשיא הא דמצי כייף ליה ליצריה הא דלא מצי כייף ליה ליצריה).

שפחה

איהו. האי מנודה שמי בנדויא: (אי מיבעי למשרי ליה שרי ליה. אם יכולין להתיר נידוי של רב יהודה שרי ליה: שפחה של בית רבי. מפורש לקמן: לא נהגו וכו'. שלא התירו נדויה עד ג' שנים): מאי דקמן. כלומר היכי איתרמי דעל האי סבא רבי שמואל בר נחמני לבי מדרשא האידנא: (ש"מ. דלהכי איתרמי דאתי האידנא לבי מדרשא דלאו מזלא הוא דלישרי ליה): טרקיה אאמתיה. נשכו למנודה זה בגידו: לא קבלוהו. דהדר עכנא לבו ולא פתחה פיה: דיינו. דאלו ב"ד וחסידי נמי מיניהו: מ"ט. לא קבלוהו במערתא דחסידי אנוס בידו הוה: דעבד כדרבי אלעאי. (דלא) הוה אפשר להקוני נפשיה כדרבי אלעאי. נ"א (דעבד) כדרבי אלעאי הוה דהוו שומעניה הלך למקום שאין מכירין אותו ועשה מה שלבו חפץ לבו בצינעא משום דלא יחלל שם שמים בפרהסיא ולהכי קבלוהו במערתא דדייני: למקום שאין מכירים אותו. ולא ינהגו בו כבוד ויכוף את יצרו לפי שמשפיל את עצמו: ויעשה מה שלבו חפץ. דודאי לא ינקקו יצרו לעבירה כך מפורש בתשובת רב האי ז"ל. נ"א יעשה מה שלבו חפץ מותב יתמלל

---

יהודה איז געווען ער זאל דיר מתיר זיין דעם חרם פון רב יהודה. גיי פאר רבי יהודה נשיאה וועט ער דיר מתיר זיין. איז ער למדן גיגאנגען פאר רבי יהודה נשיאה. האט רבי יהודה נשיאה גיזאגט צו רבי אמי גיי קלער דעם דין אויב מען קען איהם מתיר זיין. זיי אים מתיר. האט רבי אמי גיקלערט דעם דין. אונ האט איהם גיוואלט מתיר זיין. האט זיך רבי שמואל בר נחמני גישטעלט אויף די פיס אונ האט גזאגט. מאראך די דינסט פון רבי האט מחרים געווען אמענטשין האבען די רבנן ניט גיוואלט גרינג מאכען איר חרם. אונ דער מענטש איז געווען אין חרם דריי יאהר. דער חרם פון אונזער חבר יהודה דארף ביי אונז געווים ניט גרינג זיין. אונ מען זאל ניט מתיר זיין: האט רבי זירא גזאגט וואס קען דאס זיין וואס דער אלטער (רבי שמואל בר נחמני) איז היינט גיקומען אין בית המדרש. עס איז שוין פיל יאהר אז ער איז ניט גיווען אין בית המדרש. געוויס האט מען איהם פון הימעל געשיקט ער זאל גיין אין בית המדרש ניט לאזען מתיר זיין דעם חרם. האט מען איהם ניט מתיר געווען. איז דער למדן ארויס גיגאנגען פון בית המדרש אונ איז גיגאנגען אונ גיוויינט. איז גיקומען א שלאנג אונ האט איהם אביס גיטאהן אויף דער מילה אונ ער איז גישטארבען. הט מען אים גיטראגען צו בגראבען אין דער מערה (דעם קעווער) וואו די חסידים ליגען. האבען זיי איהם ניט גיוואלט צו נעמען. אשלאנג האט ארום גערינגעלט די מערה. האט מען ניט גיקענט אריין גיין. האט מען איהם אריין גיטראגען אין דער מערה וואו דיינים ליגען. האבען זייא איהם צו גינומען. פאר וואס האבען די דיינים איהם צו גינומען. ווייל ער האט גיטאהן אזוי ווי רבי אלעאי האט גזאגט. ווארום מיר האבען גילערנט רבי אלעאי האט גזאגט אויב א מענטש זעהט אז דער יצר הרע שטארקט זיך אויף איהם. זאל ער גיין צו אזוי א ארט וואו מען קען איהם ניט. אונ זאל אן קליידען שווארצע קליידער. אונ זאל גיין איינגעוויקלט אין שווארצען. אונ זאל טאהן וואס זיין הארץ וויל. אונ ער זאל ניט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט עפענטליך פאר פיל מענטשין. נאר ער זאל טאהן די עבירות אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווי רבי אלעאי האט גזאגט ווארום מיר האבען גילערנט אז איינער טוהט א עבירה אין דער שטיל איז גלייך וויא ער שטויסט צוועק די פיס פון דער שכינה. ער ווייזט אז גאט איז ניטא אויף דער וועלט אונ ער זעהט

נאר

מנשה ולא יתחלל כמ׳ססיה: גריס רבה. בנו גדול: לא תתן מכשול. שגורם (שמפספס) שמבעטו כנגדו: רמא ביה קלא. גער בו: נדוי מי נתחייבתי לך. שהיה לך להודיעני בדין: אתא. ר״ל לבי מדרשא: שלך אינו נדוי. דלאו כדינא שמתיה:

שפחה של בית רבי מאי היא דאמתא דבי רבי חזיתיה להההוא גברא דקא מחי לבנו רבה אמרה ליהוי ההוא גברא בשמתא דקא עבר משום (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול (דהנא דבי רבי ישמעאל) [דתניא] ולפני עור לא תתן מכשול במכה בנו הגדול הכתוב מדבר:

ריש לקיש הוה מינטר פרדיסא אתא ההוא גברא קא אכיל תאני רמא ביה קלא לא אשגח ביה אכר ליהוי ההוא גברא בשמתא אמר ליה אדרבא ליהוי ההוא גברא בשמתא אם ממון נתחייבתי לך נדוי מי נתחייבתי לך אתא לבי מדרשא אמרו ליה שלו נדוי שלך אינו נדוי מאי תקנתיה זיל לגביה דלישרי לך. לא ידענא ליה אמרו ליה זיל לגבי נשיאה דלישרי לך דתניא וכו׳:

אמר

---

גאר ניט וואס די מענטשין טוהען אויף דער וועלט. אונ די גמרא זאגט אין בבא קמא פאר וואס אגזלן צאהלט נאר אזוי פיל ווי ער האט גיגזלת. אונ אגנב צאהלט טאפיל. אונ אז ער האט גיגנבת אאקס אדער אשעפס אונ ער האט איהם גישאכטען אדער פאר קויפט. בצאהלט ער פינף אקסין פאר אאקס אונ פיר שעפסין פאר אשעפס. וויל אגזלן ווייזט ער האט פאר קיינעם קיין מורא ניט, ניט פאר גאט אונ ניט פאר מענטשין; אבער אגנב ווייזט פאר מענטשין האט ער מורא אונ פאר גאט ניט. ווייל גאט זעהט גאר ניט. זעהן מיר דאך אז מען טוהט אעבירה ווען אלע מענטשין זעהן אונ ער ווייזט אז ער האט פאר קיינעם קיין מורא ניט איז גרינגער וויא ער טוהט אעבירה אין דער שטיהל פאר באהרגען. איז דאך דאס ניט וויא רבי אלעאי זאגט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער וואס קען איין נעמען דעם יצר הרע. נאר ער וויל ניט. טוהט ער דאך עבירות צו דער צערענען גאט. ווייל ער האט ניט מורא פאר גאט. איז בעסער ער זאל טאהן די עבירות ווען אלע זעהן; אזוי ווי דער גזלן. ניט אין דער שטיל ווי דער גנב. אבער דער וואס האט מורא פאר גאט אונ וואלט גערן ניט גיטאהן קיין עבירה. נאר ער קען זיך ניט שטארקען אויף דעם יצר הרע. איז בעסער ער זאל טאהן די עבירות אין דער שטיל. זאגט די גמרא ווס איז גיוועזן מיט די דינסט פון רבי. די דינסט פון רבי האט אמאהל גיזעהן אמענטש שלאגט זיין גרויסען זוהן. האט זי גיזאגט צו איהם דוא זאלסט זיין אין חרם. ווייל דו ביסט עובר אויף אלאו. פאר אבלינדען זאלסטו ניט געבין קיין שטרויכלונג. אונ מיר האבען גילערנט אז דער פסוק שמועסט אז איינער שלאגט זיין גרויסען זוהן. טאמער וועט דער זוהן איהם צוריק שלאגען. האט ער דאך גיבראכט דעם זוהן צוא אעבירה:

ריש לקיש האט גיהיט אויין גארטען. איז גיקומען אמענטש אין גארטען אונ האט גיגעסען פייגען. האט ריש לקיש געשריגען אויף דעם מענטש ער זאל ניט עסען. דער מענטש האט ניט גיקוקט אויף זיין שרייען אונ האט ווייטער גיגעסען. האט ריש לקיש גיזאגט דער מענטש זאל זיין אין חרם. האט דער מענטש גיזאגט צו ריש לקיש פאר קערט דוא זאלסט זיין אין חרם. ווארום איך בין דיר נאר שולדיג צו בצאהלען געלט פאר די פייגען. אבער ניט איך בין שולדיג מען זאל מיך מחרים זיין. איז ריש לקיש גיקומען אין בית המדרש. האט מען גיזאגט צו איהם דיין חרם וואס ער האט גיזאגט אויף דיר איז גוט. דוא ביסט אין חרם. אונ דיין חרם וואס דוא האסט גיזאגט אויף איהם איז גאר ניט. ער איז ניט אין חרם. האט ריש לקיש גיפרעגט וואס ער זאל טאהן. האט מען גיזאגט צו איהם גיי צו דעם מענטש ער זאל דיר מתיר זיין דעם חרם. האט ריש לקיש גיזאגט איך ווייס ניט ווער דער מענטש איז. האט מען גיזאגט צו ריש לקיש גיי צום נשיא וועט ער דיר מתיר זיין:

**יא אמר** רב הונא באושא התקינו אב בית דין שסרח אין מנדין אותו אלא אומרים לו הכבד ושב בביתך חזר וסרח מנדין אותו מפני חלול השם. ופליגא דריש לקיש דאמר ריש לקיש תלמיד חכם שסרח אין מנדין אותו בפרהסיא שנאמר (הושע ד) וכשלת היום וכשל גם נביא עמך לילה כסהו כלילה. מר זוטרא [חסידא] כי מחייב צורבא מרבנן שמתא ברישא משמית נפשיה והדר משמית לדידיה כי הוה עייל באושפיזא שרי ליה לנפשיה והדר שרי ליה לדידיה אמר רב גידל אמר רב תלמיד חכם מנדה לעצמו ומיפר לעצמו אמר רב פפא תיתי לי דלא שמיתי צורבא מרבנן מעולם אלא כי מיחייב צורבא מרבנן שמתא היכי עביד כי הא דבמערבא ממנו אנגידא דצורבא מרבנן ולא כמנו אשמתא:

**יב מאי** שמתא אמר רב שם מיתה ושמואל אמר שממה יהיה ומהניא ביה כי מיתתא בתנורא ופליגא דריש לקיש דאמר ריש לקיש כשם שנכנסת ברמ"ח איברים כך

הכבד. כלומר כזה אומר לו עשה עצמך כאדם שהכבד עליו ראשו ושב בביתך לשון כבוד אומר לו (נ"א הכבד התכבד כבודך שתשב בביתך): כסהו. אל תבזה אותו בפרהסיא: כלילה ז ולא אדם רואה: משמית נפשיה. משום יקרא דצורבא מרבנן: ממנו אנגידא. מלקים ומלקות יפה להן יותר משמתא והוי מלקי להו:

ומהניא ביה כי מיתתא בתנורא. כאותן שטוחין את התנור ונבלע בחומה שאינו יוצא לעולם כלומר שהיא לכל מאן דמשמתין ליה דלא נפקא מיניה לעולם ופליגא דר"ל. דאמר יוצאה:

**יא** אמר. רב הונא האט גזאגט אין אושא האט מען גימאכט אתקנה אז דער גרעסטער פון בית דין האט געזינדיגט, איז מען איהם ניט מחרים. נאר מען זאגט צו איהם עס וועט פאר דיר זיין אכבוד אז דוא וועסט זיצען ביי דיר אין שטוב. אונ דוא וועסט דיך ניט מישען צווישען מענטשין. אז ער האט נאך אמאהל געזינדיגט איז מען איהם מחרים, עס זאל ניט פאר שעמט ווערין דער נאמען פון גאט. אונ רב הונא קריגט אויף ריש לקיש. וואררום ריש לקיש האט גזאגט אז אתלמיד חכם האט געזינדיגט איז מען איהם ניט מחרים אלע זאלען וויסען נאר אין דער שטיל. וואררום עס שטייט אין פסוק דו וועסט גישטרויכעלט ווערין ביי טאג אונ דער נביא וועט גישטרויכעלט ווערין מיט דיר ביי נאכט. דער פסוק מיינט אז אפראסטער מענטש ווערט גישטרויכעלט אונ טוהט עבירות. איז מען איהם מחרים ביי טאג אלע זאלען וויסען. אונ אויב אנביא (אתלמיד חכם) ווערט גישטרויכעלט אונ טוהט עבירות. זאל מען אים צו דעקין אזוי ווי די נאכט: מען זאל איהם מחרים זיין אין דער שטיל. קיינער זאל ניט וויסען. מר זוטרא חסידא אז ער פלעגט דארפען מחרים זיין אלמדן. פלעגט ער פריער זיך מחרים זיין. דער נאך פרעגט ער מחרים זיין דעם למדן: אז מר זוטרא פלעגט דארפען אריין גיין אין אשטוב. פלעגט ער פריער מתיר זיין זיין חרם. דער נאך פלעגט ער מתיר זיין דעם חרם פון דעם תלמיד חכם. אמר רב. רב גידל האט גזאגט פון רבם וועגין אתלמיד חכם מעג זיך אליין מחרים זיין אונ זיך אליין מתיר זיין. רב פפא האט גזאגט די מצוה זאל מיר ביי שטיין וואס איך האב קיין מאהל ניט מחרים גיוועזן אלמדן. פרעגט די גמרא ווי פלעגט רב פפא טהון אז מען האט אבער יא גידארפט מחרים זיין אלמדן. זאגט די גמרא רב פפא האט גיטאהן ווי מען טוהט אין ארץ ישראל. אז אלמדן זינדיגט שלאגט מען איהם מלקות אונ מען איז איהם ניט מחרים:

**יב** מאי. ווא איז דער טייטש פון דעם ווארט שמתא. רב זאגט דער ווארט שמתא איז צוויי ווערטער שם מיתה: דארט איז דער טויט. דורך דעם חרם וועט ער שטארבען. אונ שמואל זאגט שמתא איז דער טייטש שממה יהיה. ער וועט זיין וויסט. אונ דער חרם ווערט איין גיזאפט אין דעם מענטשין. אזוי וויא מען בשמירט אהויבען מיט פעטס. ווערט דאך דיא פעטס איין גיזאפט אין דעם הויבען אז מען קען שוין קיין מאהל ניט ארויס נעמען. אזוי קען דער חרם קיין מאהל ניט ארויס גיין פון דעם מענטשין. אונ מען קריגט אויף ריש לקיש. וואררום ריש לקיש האט גזאגט אזוי ווי דער חרם גייט אריין אין די צוויי הונדערט אכט אונ פערציג גלידער פון מענטשין. אזוי אז דער חרם גייט ארויס פון דעם מענטשין. גייט ער אויך ארויס פון

אלע

**פירוש**

אנגובתא . זנב : דידה עבדא . אכלה ליה : מסתפינא מיניה . דנבלא אלמא הוא : שקיל פתיחא עלויה . כתוב עליו שמתא : שקליה . שכתב שמתא : ואחתיה בכדא . תקע בתוך הכד ולא ישמעו : בי קברי . דלא שכיחי התם אינשי : וקרי ביה . כלומר תקע ביה אלפי שיפורי : מאי תברי . למה תוקעין תקיעה ושברים : תברי בתי רמי . כלומר שמתא משבר בתים גבוהים : איתרע ביה מלתא . אבלות בפניהם אחוה דשמואל : שמה מנו : עייל שמואל למישאל טעמא .

כשיוצאה יוצאה מרמ"ח איברים כשהיא נכנסת דכתיב (יהושע ו) והיתה העיר חרם וגו׳ לה׳ חרם בגימטריא רמ"ח הוא כשהיא יוצאה דכתיב (חבקוק ג) ברוגז רחם תזכור רחם בגימטריא הכי הוי :

**יג אמר** רב יוסף שדי שמתא אגנובתא דכלבא ואיהי דידה עבדא דההוא כלבא דהוה אכיל מסאני דרבנן ולא הוו קא ידעי מנו ושמתו ליה איתלי ביה נורא בגנובתא ואכלתיה . ההוא אלמא דהוה מצער ליה לההוא צורבא מרבנן אתא לקמיה דרב יוסף אמר ליה זיל שמתיה אמר ליה מסתפינא מיניה אמר ליה שקיל פתיחא עליה כ"ש דמסתפינא מיניה אמר ליה שקליה אחתיה בכדא (ע"כ) ואחתיה בי קברי וקרי ביה אלפא שיפורי בארבעין יומין אזיל עב״ד הכי פקע כדא ומית אלמא מאי שיפורי שנפרעין ממנו מאי תברא אמר רבי יצחק בריה דרב יהודה תברי בתי רמי דתניא אמר רבי שמעון בן גמליאל כל מקום שנתנו חכמים עיניהם או מיתה או עוני :

(דף יח) **יד פנחס** אחוה דמר שמואל איתרע ביה מלתא עייל שמואל למישאל טעמא מיניה

---

אקע צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג גלידער . פון וואנען ווייסען מיר אז דער חרם גייט אריין אין די צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג גלידער פון מענטש . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא שטאט זאל זיין חרם צו גאט . חרם בטרעפט צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג . און פון וואנען ווייסען מיר אז זיא גייט ארויס פון דיא צווייא הונדערט מיט אכט און פערציג גלידער . ווארום עס שטייט אין פסוק ברוגז רחם תזכור . אין כעס זאלסטו דער מאנען רחמנות : רחם בטרעפט אויך צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג :

**יג** אמר . רב יוסף האט גזאגט דוא זאלסט אפילו ווארפען דעם חרם אויף א ווידיל פון איין הונט . ווערט דער חרם טאהן דאס זיינגע . און דער הונט וועט געשלאגען ווערין . עס האט אמאהל געטראפען אהונט האט צעריסען די שיך פון דיא רבנן . און מען האט ניט געוואוסט ווער עס האט צוריסען . האט מען גזאגט אין חרם זאל זיין ווער עס האט צוריסען דיא שיך . איז אן ניצונדען געווארען אפייער אין דעם ווידיל פון הונט און עס האט איהם פר ברענט . עס איז אמאהל געווען א שטארקער מענטש וואס ער האט מצער געווען א למדן . איז דער למדן געקומען פרעגין אעצה ביי רב יוסף . האט רב יוסף גזאגט צום למדן זאג צו איהם דו ביסט אין חרם . האט דער למדן גזאגט איך האב מורא פאר איהם . האט רב יוסף גזאגט שרייב אויף א פאפיר דו ביסט אין חרם . און גיב איהם דעם פאפיר . האט דער למדן גזאגט אזוי האב איך געוויס מורא צוא טאהן . האט רב יוסף גזאגט צום למדן שרייב אויף א פאפיר דוא ביסט אין חרם . און לייג אריין דעם פאפיר אין א קרוג . און דעם קרוג מיט דעם פאפיר זאלסטו שטעלען אויף דעם בית הקברות . און בלאז אין דעם קרוג מיט א שופר טויזענד מאהל אין פערציג טעג . איז דער למדן גיגאנגען און האט אזוי געטאהן . האט געפלאצט דער קרוג . און דער שטארקער מענטש איז געשטארבען . פאר וואס בלאזט מען מיט שופר . ווייל שופר מאכט שנפרעין ממנו . מען ווערט אפ געצאהלט פון דעם מענטש . פאר וואס בלאזט מען א תקיעה און א שברים . האט רבי יצחק בריה דרב יהודה גזאגט ווייל שברים איז טייטש צו ברעכען . דער חרם צו ברעכט די גרעסטע הייזער . ווארום מיר האבען געלערנט רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט וואו דיא חכמים האבען געגעבען זייערע אויגען אדער יענער שטארבט אדער ער ווערט ארעם :

**יד** פנחס דער ברודער פון מר שמואל איז געווארען אאבל . אזוהן איז ביא איהם געשטארבען . איז שמואל געגאנגען צו זיין ברודער פנחס מנחם אבל זיין . האט שמואל געזעהן

מיניה הונהי לטופריה דהוו נפישין אמר ליה אמאי לא שקלת להו אמר ליה אלו בדידיה הוה מי הות מזלזל ביה כולי האי הואי (קהלת י) כשגגה שיוצאה מלפני השליט ואיתרע ביה מילתא בשמואל עייל פנחס אחוה למישאל טעמא מיניה שקלינהו לטופרי חבטינהו לאפיה אמר ליה לית לך ברית כרותה לשפתים דאמר רבי יוחנן מנין שברית כרותה לשפתים שנאמר (בראשית כב) ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכה עד כה ונשתחוה ונשובה אליכם ואסתייעא מלתא והדרו תרויהו:

נט אמר רב שמן בר אבא הוה קאימנא קמיה דרבי יוחנן בי מדרשא בחולו של מועד ושקלינהו לטופריה בשיניה וזרקינו (ש"מ וכו') ושמע מינה מותר לזרקן והא תניא שלשה דברים נאמרו בצפרנים הקוברן צדיק שורפן חסיד זורקן רשע מאי טעמא שמא תעבור עלייהו אשה עוברה ותפיל. אשה בי מדרשא לא שכיחא וכי תימא זימנין דמכנשי להו ושדי להו אבראי כיון דאשתני אשתני:

נז אמר אביטול ספרא משמיה דרב פרעה שהיה בימי משה הוא אמה וזקנו אמה ופרמשתקו

אמה

לדבר על לבו: אלו בדידיה הוה. כלומר אלו היית אבל: מי הות מזלזל ביה כולי האי. באבלות דשקלת לטופרך: (כשגגה שיוצאה. שגזר השליט גוזר על אדם שלא בכוונה לגזרו לא נתבטל ונלכו ותכשוהו): ואיתרע ביה מלתא. אבילות: שקלינהו לטופריה חבטינהו לאפיה. זרקינהו באפיה מרוב כעס והדר שמואל ותלנם להו דזורקן נקרא רשע:

ושדי להו אבראי. ועבר עלייהו איתתא אברא: כיון דאישתני. מההוא דוכתא דהוו מעיקרא אישתני ולא מזקי:

פרמשתקו

אז פנחס האט גרויסע נעגיל. האט שמואל גזאגט צו פנחס פאר וואס שניידסטו ניט אפ די נעגיל. האט פנחס גזאגט צוא שמואל ווען דוא וואלסט געווען אאבל וואלסטו אפ געשניטען דיינע נעגיל. איז דאס געווען אזוי וויא עס גייט ארויס אגזירה פון אמלך אומגערין אויף אמענטשין מען זאל איהם הרגנן. אונ מען הרגת איהם שוין. אונ שמואל איז געווארען אאבל איז געגאנגען פנחס צו זיין ברודער שמואל מנחם אבל זיין. האט שמואל אפ געשניטען זיינע נעגיל אונ האט זיי געווארפען פנחס אין פנים. אונ ער האט גזאגט צו פנחסן ווייסטו דען ניט אז דיא רייד פון אמענטשין קענען מקוים ווערין. סיי צוא גוטען אונ סיי צוא בייזען. וואורום רבי יוחנן האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די רייד פון אמענטשין קענען מקוים ווערין. וואורום עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צו זייע יונגען זיצט איר דא מיט דעם אייזיל אונ איך מיט דעם יונג נמיט יצחקו וועלען מיר גיין ביז צו דעם בארג אונ מיר וועלען אונז בוקין אונ מיר וועלען צוריק קומען צו אייך. אונ זיינע רייד האבען גיהאלפען אונ זיי זענען ביידע נאברהם מיט יצחקו באלד צוריק גיקומען:

נט אמר. רב שמן בר אבא האט גזאגט איך בין גישטאנען אין בית המדרש פאר רבי יוחנן אום חול המועד. האב איך גיזעהן ווי רבי יוחנן האט אפ געביסען דיא נעגיל פון זיינע פינגער מיט די ציין אונ האט זייא אוועק גיווארפען. פרעגט די גמרא פאר וואס האט רבי יוחנן אוועק גיווארפען דיא נעגיל. מיר האבען דאך גילערונט דריי זאכען איז גזאגט געווארען ביי די נעגיל. דער וואס בגראבט זיי איז אצדיק. דער וואס פאר ברענט זייא איז אחסיד. דר וואס ווארפט זייא אוועק איז ארשע. ענטפערט דיא גמרא פאר וואס טאר מען ניט אוועק ווארפען די נעגיל. טאמער וועט טרעטין אויף זיי אאשה וואס איז מעוברת וועט זיא מפיל זיין. אין בית המדרש קומט ניט קיין אשה. וועסטו וועלען זאגען טאמער וועט מען אויס קערין דעם בית המדרש וועט מען ארויס ווארפען די נעגיל אין גאס אונ אויף די גאס וועט גיין אויף זיי אמעוברתע. ווי באלד די נעגיל ליגען שוין ניט אויף דעם ערשטין ארט. וואס מען הט זיי אהין גיווארפען. טוהען זיי שוין ניט קיין שאדין:

נז אמר. אביטול ספרא האט גזאגט פון רבם וועגין דער פרעה וואס איז געווען אין די צייט פון משה רבינו. איז ער געווען גרויס אאייל. אונ די בארד זיינע איז געווען גרויס

אאייל

מגושתא. אמגושי : אמגושי סוס . דכתיב הנה יוצא המימה מחלוקת במסכת שבת חד אמר חרשי להכי יוצא לאמור בשביל מכשפות וחד אמר גידופי להכי יוצא כשאומר לי יאורי ואני עשיתני :

(נ"ק יוצאת ואומרת . בישיבה של מעלה אלמא אין אדם יכול לקדמנו לזה דבת קול אינה בטלה : ברחמים . מתפלל ומבטלה : דקא בעי רחמי . ואמר רחמנא תזמן לי פלניתא : ואי לא כפרת בה . ואם היא בת מזלך והתפללת לכסוף כפרת בה שהכחשת עליה . נ"א ואי לא כפרת בה' מצאת אתה כופר בבוראך נומר אין בידו ...

אמה וזרת לקיים מה שנאמר (דניאל ד) ושפל אנשים יקים עלה . ואמר אביטול ספרא משמיה דרב פרעה שהיה בימי משה אמגושי הוה שנאמר (שמות ז) הנה יוצא המימה :

(כ"ג) **יז אמר** רב יהודה אמר שמואל בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני שדה פלונית לפלוני (ואמר רב יהודה אמר רב ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני שדה פלונית לפלוני בית פלוני לפלוני אשת פלוני לפלוני . המאמרים האלו הובאו בגמרא להקשות על מאמר שמואל מותר לארס אשה בחול המועד שמא יקדמנו אחר ותרצו הקושיא ואמרו) אלא איכא שמא יקדמנו אחר ברחמים כי הא דרבא שמעיה לההוא גברא דקא בעי רחמי דהמנא תזדמן לי פלגיתא אמר ליה לא תבעי רחמי הכי אי חזיה לך לא אזלא ממך ואי לא כפרת בה בתר הכי שמעיה דקאמר רחמנא או איהו לימות מקמה או איהי תמות מקמיה אמר ליה לא אמרי לך לא תבעי רחמי עלה דמלתא הכי אמר רב משום רבי ראובן בר איצטרובלי מן התורה מן

---

אַאייל : אונ די ערלה זיינע איז געוועזן גרויס אַאייל מיט אַהאלבע אייל . צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק אַנידעריגען מענטשין אונ אַמיאוסען וועט ער אויף שטעלען אויף די יודען צו געוועלטיגען אויף זיי . נאך האט געזאגט אביטול ספרא פון רבס וועגין דער פרעה וואס איז געווען אין די צייט פון משה איז געווען אַמכשף . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער גייט אַרויס צום וואסער . צו מאכן כישוף :

**יז אמר** . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין אַלע טאג גייט אַרויס אַקול פון הימעל אונ זאגט יענעמס טאכטער זאל זיין אַווייב צוא יענעם מאן . יענעמס פעלד זאל ווערין פאר קויפט צו יענעם מענטש . נאך האט געזאגט רב יהודה פון רבס וועגין פערציג טעג פריער איידער דאס קינד ווערט בשאפען . גייט אַרויס אַקול אונ זאגט יענעמס טאכטער זאל זיין אַווייב צו יענעם . יענעמס פעלד זאל ווערין פאר קויפט צוא יענעם . יענעמס שטוב זאל ווערין פאר קויפט צו יענעם . יענעמס ווייב זאל ווערין אַווייב צו יענעם . ודער ערשטער מאן וועט שטארבען אָדער ער וועט איר געבין . וועט זיא נעמען איין אַנדער מאן . איז דאך אַקשיא אויף שמואל . ווי אַזוי זאגט שמואל מען מעג מקדש זיין אַאשה אום חול המועד . טאמער וועט זיא איין אַנדערער מקדש זיין . אַז מען האט שוין אום גירופען אין הימעל וועלכע אשה זאל זיין זיינע . וועט דאך איר קיינער ניט קענען צו נעמען פון איהם . ענטפערט די גמרא מיט תפלה אַז ער בעט ביי גאט ער זאל איהם געבין דיא אשה . אפילו זיא איז אָן געבייט געוואָרען פאר איין אַנדערין . קען ער אַמאהל אוים בעטין מען זאל זיא איהם געבין . רבא האט אַמאהל געהערט ווי אַמענטש בעט ביי גאט ער זאל איהם געבין דיא אשה פאר אַווייב . האט רבא געזאגט צו דעם מענטש דו זאלסט ניט אַזוי בעטין . איז די ווייב אָנגעבייט געוואָרין פאר דיר וועט זי ניט אַוועק גיין פון דיר . אונ אויב זי איז ניט אָן געבייט געוואָרען פאר דיר אונ דוא וועסט מיט איר חתונה האבען . וועסטו דער נאך חרטה האבען וואס דו האסט מיט איר חתונה געהאט . דער נאך האט רבא געהערט ווי דער מענטש זאגט אונ בעט ביי גאט אָדער ער זאל פריער שטארבען ווי זי . אָדער זי זאל פריער שטארבען פאר איהם . ער זאל ניט זעהן ווי זיא וועט גענומען ווערען צו איין אַנדער מאן . האט רבא געזאגט צו דעם מענטש האב איך דען דיר ניט געזאגט דוא זאלסט ניט בעטין אויף דער זאך . ווארום אַזוי האט געזאגט רב פון רבי ראובן בר איצטרובלים וועגין פון דער תורה אונ פון נביאים אונ פון כתובים

מן הנביאים ומן הכתובים מה' אשה לאיש. מן התורה דכתיב (בראשית כד) ויען לבן ובתואל. ויאמרו מה' יצא הדבר. מן הנביאים דכתיב (שופטים יד) ואביו ואמו לא ידעו כי מה' היא. מן הכתובים דכתיב (משלי יט) בית והון נחלת אבות ומה' אשה משכלת. ואמר רב משום רבי ראובן בר איצטרובלי ואמרי לה במתניתא תנא [אמר רבי ראובן בן אצטרובלאי] אין אדם נחשד בדבר אלא אם כן עשאו ואם לא עשאו כולו עשה מקצתו ואם לא עשה מקצתו הרהר בלבו לעשותו ואם לא הרהר בלבו לעשותו ראה אחרים שעשאוהו ושמח מתיב רב יעקב (מנהר פקוד) (מ"ב יז) ויחפאו בני ישראל דברים אשר לא כן על ה' אלהיהם התם להכעים הוא דעבוד (ת"ש (במדבר טז) וישמע משה ויפול על פניו מה שמועה שמע אמר רבי יונתן שחשדוהו באשת איש ומנא לן שנאמר (תהלים קו) ויקנא למשה במחנה התם משום שנאה הוא דעבוד. ובספר אחר אין כתיב וישמע משה אלא) ת"ש ויקנאו למשה במחנה רב שמואל בר יצחק אמר מלמד שכל אחד קנא לאשתו ממשה. התם משום שנאה הוא דעבוד. ת"ש דאמר רבי יוסי יהא חלקי עם מי שחושדין אותו בדבר ואין בו

לך אשה: שאתה רואה לישאנה: אף ע"פ שאינה נא מולך: ואביו ואמו. דשמשון לא ידעו כי מה' היא כי תואנה הוא מבקש מפלשתים) :

---

כתובים ווייסען מיר אז א ווייב צו א מאן ווערט געגעבען פון גאט. אין דער תורה שטייט לבן אונ בתואל האבען גזאגט פון גאט איז ארויס געגאנגען די זאך אז רבקה זאל זיין א ווייב צוא יצחק. אין נביאים שטייט ביי שמשון זיין פאטער אונ זיין מוטער האבען ניט געוואוסט אז דאס איז פון גאט שמשון זאל נעמען א ווייב פון די פלשתים. אין כתובים שטייט א שטוב אונ גוטס דאס מאכען ירשנען עלטערין צו קינדער. אבער א קלוגע ווייב צו האבען דאס ניט גאט צום מענטשין. נאך האט רב גזאגט פון רבי ראובן בר איצטרובלים וועגין. אנדערע זאגען אין א ברייתא האבען מיר דאס געלערנט. אז מען איז חושד א מענטשין אויף א עבירה. איז געווים אז ער האט די עבירה גיטאהן. האט ער זי ניט גיטאהן אין גאנצען. האט ער גיטאהן א ביסעל פון איר. אונ אויב ער האט א ביסעל פון די עבירה אויך ניט גיטאהן, האט ער גיטראכט אין הארצען צו טאהן דיא עבירה. אונ אויב ער האט ניט גיטראכט אין הארצען צו טאהן די עבירה. האט ער גיזעהן אנדערע האבען גיטאהן די עבירה אונ ער האט זיך גיפרייט. האט רב יעקב גיפרעגט עס שטייט אין פסוק יודען האבען אויס גיטראכט אויף זייער גאט זאכען וואס עס איז ניט אזוי. האבען זיי דאך חושד גיוועזן גאט. וועלען מיר דען זאגען אז עס איז אמת וואס די יודען האבען גזאגט אויף גאט. זאגט די גמרא דארטען האבען די יודען אליין געוואוסט אז עס איז ניט אמת וואס זיי זאגען. זייא האבען נאר גיוואלט דער צערענען גאט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק משה האט גיהערט איז ער גיפאלען אויף זיין פנים. וואס האט ער גיהערט. האט רבי יונתן גזאגט ער האט גיהערט אז די יודען זענען איהם חושד אז ער האט מונה גיוועזן מיט א אשת איש. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא האבען איהם חושד גיוועזן. דארום עס שטייט אין פסוק זיי האבען דער צערינט צו משה אין דער מחנה. וועלען מיר אויך זאגען אז משה האט אזוי גיטאהן. ענטפערט די גמרא דארטען האבען אויך דיא יודען געוואוסט אז עס איז ניט אמת. נאר ווייל זייא האבען פיינט גיהאט משהן האבען זייא אזוי גזאגט איהם צו דער צערענען. ופרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק די יודען האבען דער צערינט צו משה אין דער מחנה. רב שמואל בר יצחק האט גזאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער יוד האט פר זאגט זיין ווייב זיא זאל זיך ניט פאר בארגין מיט משה. דארום זיי האבען חושד גיוועזן משהן אז ער וועט מונה זיין מיט א אשת איש. וועלען מיר אויך זאגען אז משה האט גיטראכט אזוי צו טאהן. ענטפערט די גמרא דארטען האבען אויך דיא יודען אליין געוואוסט אז עס איז ניט אמת. נאר ווייל זיי האבען פיינט גיהאט משהן האבען זיי אזוי גזאגט איהם צו דער צערענען. פרעגט די גמרא רבי יוסי האט גזאגט מיין חלק עולם הבא זאל זיין

אפילו שני בניו חתנים. קברתי משמח אני מרוב כבוד שעשיתם לי: ואם בשביל עקיבא באתם הרי כמה עקיבא בשוק. אלא אמרתם: וכ"ש ששכרכם כפול. שלכבוד תורה באתם: לכו לבתיכם לשלום. הרי שואל בשלום:

בו. ואמר רב פפא לדידי חשדן ולא הוה בי לא קשיא הא בקלא דפסיק הא בקלא דלא פסיק:

(דף כא ע"ב) **יח** **תנו** רבנן אבל ג' ימים הראשונים אסור בשאילת שלום והא תניא מעשה ומתו בניו של רבי עקיבא נכנסו כל ישראל והספידום הספד גדול בשעת פטירתן עמד רבי עקיבא על ספסל גדול ואמר אחינו בית ישראל שמעו אפילו שני בניו חתנים מנוחם הוא בשביל כבוד שעשיתם ואם בשביל עקיבא באתם הרי כמה עקיבא בשוק אלא כך אמרתם (תהלים לז) תורת אלהיו בלבו וכ"ש ששכרכם כפול (שלכבוד תורה באתם) לכו לבתיכם לשלום (הרי שואל בשלום) כבוד רבים שאני:

**יט** **אמר** רבי מאיר המוצא את חברו אבל לאחר שנים עשר חודש ומדבר עמו תנחומין למה הוא דומה לאדם שנשברה רגלו וחיתה מצאו רופא ואמר ליה **כלך** אצל שאני שוברה וארפאנה כדי שתדע שסממנין שלי יפין:

כי

---

זיין אזוי גרוים וויא דער חלק עולם הבא וואס וועט האבען דער מענטש וואס מען האט איהם חושד געוועזן אונ עס איז ליגען. אונ רב פפא האט גזאגט מיך האט מען חושד געוועזן אונ עס איז געוועזן ליגען. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז מען זאגט אויף א מענטשין ער האט געטאהן א עבירה. אונ מען הערט גאר ניט אויף צו ריידען. עס בלייבט ביי אלע מענטשין אז ער האט די עבירה געטאהן. איז געוויס אמת. אבער אז מען איז איהם חושד אונ מען הערט באלד אויף צו ריידען אויף איהם. איז די נאך גאר ליגען. אונ דער מענטש וועט האבען עולם הבא פאר וואס מען האט איהם אומזיסט פאר שעמט. ווארום אז איין מענטש פאר שעמט דעם אנדערין. וכמשל ראובן האט פאר שעמט צו שמעון האט ראובן צו גענומען די עבירות פון שמעון. אונ שמעון האט צו גענומען די מצות פון ראובן. אונ אז פיל מענטשין האבען פאר שעמט צו שמעון. האט שמעון צו גענומען די מצות פון די אלע מענטשין. אונ זיי האבען צו גינומען די עבירות פון שמעון. דריבער איז דער שכר פון שמעון גרוים געווארען:

**יח** **תנו רבנן**. דיא רבנן האבען גילערונט אז אבל די ערשטע דריי טעג טאר ער ניט פרעגין שלום צו קיין מענטש. ער טאר ניט זאגען שלום עליכם אונ ניט גוט מארגען. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערונט עס האט גיטראפען דיא קינדער פון רבי עקיבא זענען גישטארבען. זענען אלע יודען גיקומען אונ האבען גימאכט אגרויסען הספד. נאך דעם הספד ווען די יודען האבען גיוואלט אוועק גיין. האט זיך רבי עקיבא גישטעלט אויף אגרויסע באנק אונ הט גזאגט. ברידער יודען הערט. אפילו צוויי קינדער חתנים וואלטען ביי מיר גישטארבען וואלט איך שוין אויך גיוועזן גיטרייסט. דורך דעם כבוד וואס איר האט מיר גיטאהן. אויב צו ליב עקיבא זענט איר גיקומען. פיל עקיבאס איז דא אין גאס אונ איר גייט זייא ניט טרייסטען. נאר געוויס האט איר גזאגט אויף מיר. דער עקיבא האט דאך גילערונט תורה. זענט איר גיקומען געבין כבוד די תורה. איז געוויס אייער שכר טאפיל גרוים. גייט צו פרידען אהיים. האט דאך רבי עקיבא זיי גזאגט שלום. ענטפערט די גמרא צו אזוי פיל מענטשין מיט איין מאהל האט מען גימעגט זאגען שלום. ווארום דער כבוד פון פיל מענטשין איז גרוים:

**יט** **אמר**. רבי מאיר האט גזאגט אז איינער טרעפט זיין חבר איז אבל נאך צוועלף חדשים אונ ער טרייסט איהם. דאס איז גבייך צו א מענטשין וואס זיין פוס איז צוא בראכען געווארען אונ זיא איז גיזונד געווארען. האט איהם גיטראפען א דאקטאר אונ האט גזאגט צו איהם קום צו מיר איך וועל דיר נאך אמאהל צו ברעכען די פוס אונ וועל זי אויס

היילען

(דף כב) **כ** כי נח נפשיה דרב הונא סבור (רבנן) לאותובי ספר תורה אפוריא אמר להו רב חסדא מלתא דבחייה לא סבירא ליה השתא ליקום ליעביד ליה דאמר (רבי חלבו) [רב תחליפא] אנא חזיתיה לרב הונא דבעי למיתב אפוריא והוה (יתיב) [מנח] ספר תורה עילויה וכף כרא ארעא ואותיב עילויה ספר תורה אלמא קסבר אסור לישב על המטה שספר תורה עליה לא הוה נפיק פוריא מבבא סבור לשלשולי דרך גגות אמר להו רב חסדא הכי גמירנא מיניה חכם (שמת) כבודו דרך פתחים סבור לאשנויי מפוריא לפוריא אמר להו רב חסדא הכי גמירנא מיניה חכם כבודו במטה ראשונה דאמר רב יהודה אמר רב מנין לחכם שכבודו במטה ראשונה שנאמר (ש"ב ו) וירכיבו את ארון האלהים אל עגלה חדשה וגו' פרום בבא ואפקוה פתח עליה רבי אבא ואמר ראוי היה רבינו שתשרה עליו שכינה אלא שבבל גרמא לו . מתיב רב נחמן בר רב

אסורייה. משום כבוד כלומר קיים זה מה שכתוב בוס: (וכף כו׳). כמה הכי לארץ וסבית עליו ספר תורה שלא רצה לישב סמוך לבסר): לא הוה נפיק פורייה מבבא. לא היו יכולים להוציא המטה דרך שער הבית שהיתה המטה רחבה והפתח קצר: לאשנויי מפוריא לפוריא. לתתו במטה אחרת קטנה שתצא דרך הפתח: אל עגלה חדשה. אותה עגלה שהגרוהו פלשתים בה והוציאו עגלה מביאו דוד מבית אבינדב לעיר דוד: פרוס בבא. כמו פרימא שבר הפתח והוציאוהו: שבבל גרמא לו. שאין שכינה שורה כחוצה לארץ:

---

הייען . וועכטו וויסען אז איך בין אנגטען דאקטאר אונ מיינע מעדיצין איז גוט . ווער מענטש האט שוין דעם טויטען פאר געסען . דער מאנט ער איהם אונ טרייסט איהם :

**כ** כי . אז רב הונא איז געשטארבען האבען די רבנן געוואלט לייגען אספר תורה נעבין איהם אויף זיין בעט . צו וויזען אז רב הונא האט מקיים געוועזען אלץ וואס עס שטייט אין דיא ספר תורה . האט רב חסדא גזאגט צו די רבנן די זאך וואס רב הונא הט ניט גיטאהן ווען ער האט גילעבט . דארף מען איהם ניט טאהן ווען ער איז טויט . ווארום רב תחליפא האט גזאגט איך האב גזעהן אמאהל האט רב הונא גיוואלט זיצען אויף אבעט . איז גילעגן אספר תורה אויף דער בעט . האט רב הונא גילייגט אקישען אויף די ערד . אונ ער האט גילייגט די ספר תורה אויף דער קישען . דער נאך איז ער גיזעסען אויף די בעט . זעהן מיר אז רב הונא האט גיהאלטען מען טאר ניט זיצען אויף אבעט וואס אויף איר ליגט אספר תורה . דיא בעט וואס רב הונא איז אויף איר גילעגן האט ניט גיקענט דורך גיין דורך די טיר . די בעט איז גיוועזען ברייטער וויא דיא טיר . הט מען גיוואלט דיא בעט ארויף ציהען אויף דעם דאך . אונ פון דאך אראפ לאזען אויף די ערד . הט רב חסדא צו זייא גזאגט אזוי האב איך גילערנט פון רב הונא אז אחכם איז גישטארבען איז זיין כבוד מען זאל איהם טראגען דורך די טיר . האט מען גיוואלט לייגען רב הונא פון דער בעט אויף איין אנדערע בעט אשמעלערע . עס זאל קענען דורך גיין דורך די טיר . האט רב חסדא צו זיי גזאגט אזוי האב איך גילערנט פון רב הונא אז אחכם איז גישטארבען איז זיין כבוד מען זאל איהם טראגען צום קבר מיט זיין ערשטע בעט וואס ער איז אויף איר גישטארבען ; ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען וייסען מיר אז אחכם איז גישטארבען איז זיין כבוד מען זאל איהם טראגען צום קבר מיט זיין ערשטע בעט וואס ער איז אויף איר גישטארבען . ווארום עס שטייט אין פסוק מען הט ארויף גישטעלט דעם ארון פון גאט אויף אנייעם וואגען . ואויף דעם זעלבינגע וואס מען הט גיבראכט דעם ארון פון בית שמש צו אבינדב . הט מען איהם דער נאך געפירט פון אבינדב צו דוד . ועיין תוספות) אונ דער צדיק איז גלייך צו דעם ארון הקדש . דארף ער אויך ליגען אויף דעם זעלבינגע בעט וואס ער איז אויף איהם גישטארבען . האט מען אויף גיבראכען די טיר אונ מען האט איר ברייטער גימאכט אונ מען האט דורך גיטראגען די בעט . האט רבי אבא אן גיהויבען צו זאגען אהספד אונזער רבי רב הונא איז ווערט גיוועזען די שכינה זאל אויף איהם רוהען . נאר וייל ער הט גיוואהנט אין בבל דריבער הט ניט גירוהט אויף איהם די שכינה . וייל די שכינה יהט ניט אין חוץ לארץ . האט רב נחמן בר רב חסדא גיפרעגט . אנדערע זאגען רב חנן בר רב חסדא

רב חסדא ואמרי לה רב חנן בר חסדא (יחזקאל א) היה היה דבר ה' אל יחזקאל וגו'. טפח ליה אבות בסנדליה אמר ליה לא אמינא לכו לא הטרוד עלמא במילי מאי היה שהיה כבר. כי אסקו להתם אמרי לרבי אמי ולרבי אסי רב הונא אתי אמרי כי הוינן התם לא הוה קן לדלויי רישין מיניה השתא אתינן להכא אתי ליה בתרן אמרי להו ארונו בא רבי אמי ורבי אסי נפקו רבי אילא ורבי הנינא לא נפקו אמרי היכא ניניחיה (ניעייליה למערתא דרבי חייא) דרב הונא ריבץ תורה בישראל ורבי חייא ריבץ תורה בישראל מאן מעייל ליה אמר להו רב חגא אנא מעיילנא ליה דאוקמתיה לתלמודיה כי הואי בר תמניסר שנין ולא חזאי קריא ומשמע ליה קמיה וידענא בעובדיה דיומא חד איתהפיכא ליה רצועה דתפילי ויתיב עליה ארבעין תעניתא עייליה והוה גני יהודה מימיניה דאבוה וחזקיה משמאליה אמר ליה יהודה לחזקיה קום מדוכתך דלאו אורח ארעא דקאים רב הונא (אבראי) כי קם קם בהדיה עמודא

טפח ליה אבות. רב חסדא לרב נתן בסנדליה שהכה לו על כנדלו כאדם הנוגע על רגל חברו שאמר כדי שלא ישמעו העומדים סביב מטתו של רב הונא א"נ טפחו בסנדלו: לא תטרוד עלמא. לא הטריח בקושיות: שהיה כבר. וכלומר ההוא שעתא הוה ולא יותר וי"א שהיה כבר שהרחה עליו רה"ק מתחלה בא"י (ותחלה לא היה בבבל): נפקו. לקברו בא"י שנקבר בא"י נקבר כלא תחת מזבח שאמר הכתוב היושב בה נשוא עון (ואין ישיבה בארץ אלא לקבורה ועוד שאין לו צער מחילות נשא ית המתים): רב הונא אתי. סבר רבי אמי ורבי אסי שהי' היה בא: אמרי כי הוינן תמן לא הוה לן נדלויי רישין. שהיה גדול ממנו והוה לן בושה לדלויי רישין: והשתא אתי בתרן. דסבורין שבוא אתי ובא ברגליו: רב הונא ריבץ תורה. כדאמרינן בהם כי קיימי רבנן מקמיה ממתיבתא מנפצי גלימייהו ומכסי ליומא בהבהא (ואמרי בא"י קם מתיבתא דהונא בבלאה): רבי חייא ריבץ תורה כדאמרינן בב"מ אנא עבדי לה לתורה דלא לשתכח מישראל: מאן מעייל ליה. מי יעך נכניסו לקבורה אצל רבי חייא: דלא חזי לי קריא. קרי: ומשמע לי קמיה. ששמשתי לפני רבי חייא: ידענא בעובדיה. אני נקי במעשיו באדם גדול הוא: איתהפיכא ליה רצועה דתפילי. דלא הוה גבר שצריך שיהו אותיות של בדי נראות מבחוץ שקשר רצועה של ראש והפך לפניו נגד הראש: גבי. שוכב שם: איבעית. נבעת מפני ראש:

---

חסדא האט גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק די רייד פון גאט איז גיוועז צו יחזקאל הנביא אין דעם לאנד כשדים ודאס איז בבלו. רוהט דאך די שכינה אין בבל אויך. האט דער פאטער אקלאפ גיטאהן מיט זיין שוך צו זיין זוהן אויף זיין פוס. אונ ער הט גזאגט צו איהם האב איך דען אייך ניט גזאגט איר זאלט ניט פאר דרייען די וועלט מיט קשיות. וואס עס איז שוין גיוועז איז גיוועז. אבער פון דער צייט ביז היינט רוהט ניט די שכינה אין בבל. אז מען האט גיברייננט רב הונא אין ארץ ישראל צו בגראבען איהם. האט מען גזאגט צוא רבי אמי אונ רבי אסי רב הונא איז גיקומען. האבען זיי גימיינט ער איז גיקומען לעבעדיג. האבען זיי גזאגט אז מיר זענען גיוועז אין בבל האבען מיר ניט גיקענט אויף הייבען אונזערע קעפ פאר איהם. איצט אז מיר זענען גיקומען אין ארץ ישראל איז ער אויך גיקומען נאך אונז אין ארץ ישראל. האט מען זייא גזאגט זיין מטה איז גיקומען. ער איז גישטארבען. רבי אמי אונ רבי אסי זענען ארויס גיגאנגען געגין די מטה. רבי אילא אונ רבי חנינא זענען ניט ארויס גיגאנגען געגין די מטה. האט מען גיקלערט וואו מען זאל איהם לייגען. איז געבליבען מען זאל איהם אריין טראגען אין דיא מערת וואו רבי חייא ליגט. ווארום רב הונא האט גימערט תורה צווישען יודען. ווער הט גילערנט מיט פיל תלמידים. אונ רבי חייא האט גימערט תורה צווישען יודען. דער נאך האט מען גיקלערט ווער זאל איהם אריין טראגען אין די מערה. האט רב חגא גזאגט איך וועל איהם אריין טראגען. ווארום איך האב אויף גישטעלט זיין לערנען. אונ ווען איך בין אלט גיוועז אכטצעהן יאהר. האב איך נאך ניט גיזעהן קיין קרי וועם איז ניט ארויס גיגאנגען פון מיר שכבת זרעו. אונ איך האב בדינט צו רבי חייא. אונ איך וויים זיינע גוטע מעשים. עס האט אמאהל גיטראפען אז דיא רצועה פון די תפילין איז פאר קערט גיווארען. האט ער גיפאסט פערציג תעניתים. האט רב חגא אריין גיטראגען די מטה מיט רב הונא אין די מערה פון רבי חייא. איז גישלאפען יהודה ביי די רעכטע זייט פון זיין פאטער. אונ חזקיה איז גישלאפען ביי די לינקע זייט פון זיין פאטער. וזייער פאטער איז גיוועז רבי חייא. יהודה אונ חזקיה זענען גיוועז גישטארבען. האט יהודה גזאגט צו חזקיה שטיי אויף פון דיין ארט. עס איז ניט שיין דוא ליגסט אונ די מטה מיט רב הונא שטייט אין דער מערה. ויא חזקיה האט זיך

אויף

**עמודא** דנורא חזייה רב חנא איבעית זקפיה לארונא ונפיק ואתא והאי דלא איענש משום דזקיף ארונא דרב הונא :

**בא כי** נח נפשיה דרבה בר (רב) הונא ורב המנונא אסקינהו להתם (ע"ג) כי מטו לגשרא קמו גמלי אמר להו ההוא טייעא מאי האי אמרו ליה רבנן דקעבדי יקרא להדדי מר אמר ניעול מר ברישא ומר אמר ניעול מר ברישא אמר אי בדינא דידי גברא בר גברא ניעול ברישא חליף גמליה דרבה בר (רב) הונא נתור ככיה ושיניה דההוא טייעא פתח עליה ההוא ינוקא גזע ישישים עלה מבבל ועמו ספר מלחמות קאת וקפוד הוכפלו (לראות) בשוד ושבר הבא משנער קצף על עולמו (ותמר) [וחטם ממנו] נפשות ושמח בהן ככלה חדשה רוכב ערבות שש ושמח בבא אליו נפש נקי וצדיק כי נח נפשיה (דרבי אבינא) [דרבינא] פתח עליה ההוא ספדנא תמרים הניעו ראש על צדיק כתמר . נשים

לילות

זקפיה לארונא . דרב הונא ונפקו למגן נגדי : והאי דלא איענש . רב חנא שלא שרפו עמוד האש : משום דזקפיה לארונו דרב הונא ולא היה יכול לעבור כאש :

כי מטו לגשרא . לעבור דף של גשר קלר במכשיר לא היו יכולין לעבור זה בצד זה אלא זה בפני זה : קמו גמלי . עמדו הגמלים ונשאו המטות במקומן : טייעא . סוחר ישמעאלי : רבנן . דבבלי : הוא דעבדי יקרא להדדי . שאין אחד רוצה לעבור בפני חבירו : מר אמר . שבני אמרו להדדי : בדינא דידי . לפי דעתי : גברא בר גברא . אדם בן אדם : נתור ככי ושיני דההוא טייעא . משום כבודו דרב המנונא : פתח עליה . ההוא ספדנא : ספר מלחמות . ס"ת . ל"א שנלחם רב המנונא ונתור ככי ושיני דההוא טייעא . ול"א גזע ישישים זה רבה בר רב הונא דהוה גזע ישישים בן גדולים בן רב הונא דהוה ראש גולה ועדיף מנשיא דא"י : ועמו ספר מלחמות . עמו רב המנונא : קאת וקפוד הוכפלו . קללות כמו וירשו קאת וקפוד כלו' קללה באה והוכפלו בעולם : לראות שוד ושבר . זה קצף של הקב"ה : הניעו ראש על צדיק כתמר . שלא היה לו הנאה לא אחד ואין לפניס מן הפנימי כלום כמו שיש בעלם של אחר הפירות (והניעו ראש) : נשים לילות כימים . לקונן עליו

---

אויף גישטעלט איז אויף גישטאנען מיט איהם אפייערדיגער זייל . וויא רב חנא האט דער זעהן דעם פייער איז ער דער שראקין גיווארען . האט ער גישטעלט די מטה פון רב הונא צווישען איהם אונ דעם פייער . דער פייער זאל איהם ניט פאר ברענגען אונ ער איז ארויס גיגאנגען פון די מערה . אונ דאס וואס רב חנא איז ניט גישטראפט גיווארען . ער איז ניט פאר ברענט גיווארען . דאס איז גיוועזען ווייל ער האט פאר שטעלט מיט דיא מטה פון רב הונא . איז דער פייער ניט אריבער גיגאנגען צו איהם :

**בא כי** : ווען רבה בר רב הונא אונ רב המנונא זענען גישטארבען : האט מען זייא געפירט צו בגראבען אין ארץ ישראל . אויף איין קעמעל האט מען געפירט רבה . אונ אויף דעם אנדערען קעמעל האט מען געפירט רב המנונא . וויא זייא זענען גיקומען צו אשמאלען בריק . וואס האבען ניט גיקענט גיין ביידע קעמלען איינער נעבין אנדערין . נאר איינער אינטער דעם אנדערען . זענען דיא קעמלען געבליבען שטיין . דער קעמעל האט ניט גיוואלט גיין פאר דעם . אונ דער קעמעל האט ניט גיוואלט גיין פאר דעם . האט אטערקעשער סוחר גזאגט צו זיי פאר וואס שטייען די קעמלען אונ ווילען ניט גיין . האט מען גזאגט צו איהם . די צווי גשטארבענע רבנים גיבען כבוד איינר צום אנדרין . איינר וויל ניט גיין פריער פר דעם אנדרין . האט דער סוחר גזאגט ווען מען זאל מיך פאלגין דער רב וואס זיין פאטער איז אויך גיוועזען ארב זאל ער גיין פריער . וויא דער סוחר הט דאס אויס גירעט איז באלד גיגאנגען פאר אויס דער קעמעל וואס אויף איהם איז גיוועזען רבה בר רב הונא . אונ ביי דעם סוחר איז ארויס גיפאלען אלע ציין מיט די וואנגען . ווייל ער האט פאר שעמט רב המנונא . וויא זייא זענען גיקומען אין ארץ ישראל האט אקינד אן גיהויבען צו זאגען אהספד . אווארציל פון צדיקים וואס איז רבה בר רב הונא איז אויף גיגאנגען פון בבל . אונ מיט איהם איז גיוועזען דער ספר מלחמות . דאס מיינט מען אספר תורה . דאס איז רב המנונא . קאת אונ קפוד . דאס מיינט מען די גוים האבען זיך מתריח גיוועזען צו קומען זעהן דעם בראך וואס איז גיקומען פון בבל . די גוים זענען גיקומען זעהן די צווי גישטארבענע צדיקים וואס מען האט גיבראכט פון בבל . ווען מהר ש"א גאט האט גיצערנט אויף דער וועלט האט ער אוועק גינומען פון איר נפשות . אונ גאט פרייט זיך מיט די נפשות אזוי ווי אמענטש פרייט זיך מיט אנייע כלה

נאט

לילות כימים על משים לילות כימים. אמר ליה רב אשי לבר קיפוק ההוא יומא מאי אמרת אמר ליה [אמינא] אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו אזובי קיר לויתן בחכה הועלה מה יעשו דגי הרקק בנחל שוטף נפלה חכה מה יעשו מי גבים (קטנים) אמר ליה בר אבין חס ושלום דחכה ושלהבת בצדיקי אמינא אלא מאי אמרת [אמינא] בכו לאבלים ולא לאבדה שהיא למנוחה ואנו לאנחה חלש דעתיה עלייהו ואתהפך כרעייהו וההוא יומא לא אתו לאספודיה והיינו דאמר רב אשי לא בר אבין חליץ ולאו בר קיפוק חליץ. רבא כי הוה אתי לדיגלת אמר ליה לבר אבין קום אימא מילתא קם ואמר באו רוב שלישית במים זכור (ברית) ורחם תעינו מאחריך כאשה מבעלה אל תוניחנו ועשה עמנו אות כבמי מרה. רבי חנן חתניה דבי נשיאה הוה ולא הוו ליה בני בעא רחמי והוו ליה ההוא יומא מבעי

זה ולילה על משום לילות כימים ללמוד תורה: בר קיפוק ובר אבין. הוו סופדי: ההוא יומא. דנח נפשיה (דרב אשי מאי אמרת רב אשי גופיה א"ל נכבה בבעת פטירתו דידיה גופיה מה האמר עלי ענין אחר יומא דנח נפשיה דרבינא מאי אמרת): בארזים. בתלמידים: שלהבת. מיתה: אזוב. ען שפל מאד עמי הארץ: חכה. רשת: הועלה. מן הים: רקק. אגם: חכה ושלהבת. לשון גנות: הלב דעסיה. דכניסה כפדו זה מדמי ליה לחכה ושלהבת וזה לאבדה: ואתהפך כרעייהו. נהפך כרעם שהיו דורכים בגב הרגל שלא היו יכולין להספיד פוד על אדם: וההוא יומא. דנח נפשיה לא כספדוהו. משום דאירע להו הקלה על ידו: לא בר אבין הליץ ולא בר קיפוק חליץ. ליגמהו לפי שאין יכולין לעמוד על רגלם ונתורה אמרה ותלויה נעלו מעל רגלו ולא מהתה רגלו: כי הוה אתי לדיגלת. כי היה עובר חדקל (נ"א שהיה חדקל גדול ויולא לשטוף רוב שלישיה חדקל והוא נכר שלישי דכתיב ושם הנהר השלישי חדקל): ורוב שליסית. ישראל כקלא שלישיה ורבא שקול כרוב ישראל ואמר ליה קום ואמור מילתא כלומר

---

נאט וואס ער איז אויף דעם הימעל ערבות פריט זיך אז עס קומט צו איהם אריינע נשמה פון אצדיק. אז רבינא איז געשטארבען האט אכספדן אן גיהויבען צו זאגען אהספד די טייטל בוימער האבען געשאקלט מיט זייערע קעפ אויף דעם וואס עס איז געשטארבען אזוי אצדיק וואס ער האט גיהאט נאר איין הארץ צו גאט. אזוי וויא אטייטעל בוים האט אין מיטען נאר איין הארץ. מיר וועלען מאכען נעכט אזוי ווי טעג. מיר וועלען טרויערין ביי נאכט אונ ביי טאג. אויף דעם מענטש וואס האט גימאכט נעכט אזוי ווי טעג. וואס ער האט גילערנט טאג אונ נאכט רב אשי האט גזאגט צו בר קיפוק דעם טאג וואס איך וועל שטארבען וואס וועסטו זאגען אויף מיין הספד. האט בר קיפוק גזאגט איך וועל זאגען אויב אויף טענען בוימער איז גיפאלען אפלאם פייער. וואס זאלען טאהן די קליינע בוימלאך וואס וואקסען ביי דיא וואנט. אויב דער לויתן איז גיפאנגען גיווארען אין די נעץ. וואס זאלען טאהן דיא קליינע פישלאך וואס זענען אין די קליינע טייכלאך. אז אין אשטרוימעדיגען טייך איז אריין גיקומען אנעץ. וואס וועלען טאהן די קליינע טייכלאך. ודאס מיינט מען אז די גרויסע צדיקים שטארבען אונ גייען אוועק פון דער וועלט. וואס זאלען שוין טאהן דיא פראסטע מענטשען: האט בר אבין גזאגט צו בר קיפוק חס ושלום אויף צדיקים וועל איך זאגען זיי זענען גיפאנגען גיווארען אין אנעץ. אונ אויף זיי איז גיקומען אפייער. האט בר קיפוק גזאגט צו בר אבין. נאר וואס דע וועסטו זאגען. הט בר אבין גזאגט. איך וועל זאגען. מען דארף וויינען אויף די אבלים. אבער ניט אויף דעם אבדה ניט אויף דעם פארלארענעם. דער צדיק גייט צום רוהען. אונ מיר גייען צו זיפצונג. איז רב אשי טרויעריג גיווארען דורך זייערע רייד. ווארום איינער האט געגליכען זיין טויט ווי מען ווערט גיפאנגען אין אנעץ. אונ ווי מען ווערט פאר ברענט פון אפלאם. דער אנדערער האט גזאגט אויף איהם ער איז אאבדה. אפארלארענע זאך. איז אויס גידרייט גיווארן די פיס פון בר קיפוק אונ פון בר אבין זיי זאלען ניט קענען גיין מספיד זיין ועיין מהרש"א. אונ דעם טאג ווס רב אשי איז געשטארבען האבען זיי ניט גיקענט קומען איהם מספיד זיין. דס איז וואס רב אשי הט גזאגט ניט בר אבין קען געבין חליצה. אונ ניט בר קיפוק קען געבין חליצה. רבא איז אמאהל גיקומען צום טייך דיגלת. אונ דער טייך איז גרויס גיווארען צום פאר פלייצען. איז רבא גיוועזן אין אסכנה. הט רבא גזאגט צו בר אבין שטיי אויף אונ בעט פון מיינעט וועגין. איז בר אבין אויף גישטאנען אונ הט גזאגט מער ווי אהאלבע דריטעל איז גישטען

(מבעי למיטהליה) [דהוה ליה] נח נפשיה פתח עליה ההוא ספדנא שמחה לתוגה נהפכה ששון ויגון הודבקו בעת שמחתו נאנח בעת חנינתו אבד חנינו אסיקו ליה חנין על שמו . כי נח נפשיה דרבי (פדת) [יוחנן] פתח (פומיה) עליה רבי יצחק בן אלעזר היום קשה לישראל כיום בא השמש בצהרים דכתיב (עמוס ח) והבאתי השמש בצהרים ואמר רבי יוחנן זה יומו של יאשיהו . כי נח נפשיה דרבי יוחנן יתיב רבי אמי עלויה שבע ותלתין אמר רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא רבי אמי דעבד לגרסיה עבד הכי דאמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אפילו רבו שלמדו הכמה אינו יושב עליו אלא יום אחד . כי נח נפשיה דרבי זירא פתח עליה ההוא ספדנא ארץ שנער הרה וילדה ארץ צבי גדלה שעשועיה אוי נא לה אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה . כי נח נפשיה דרבי אבהו אחיתו עמודי דקסרי דמעי . דרבי יוסי שפעו מרזבי דצפורי דמא .

בקש והמים : אות כבמי מרס . בשבב סוטי נגדקה נכן : בעת המינחו . דולד : הכד חניני . אבוי המתינו : והבאתי השמש בצהרים . אשר יום השמש בצהרים : יומו של יאשיה . שספדו יאשיה קרי יומו שמש : לגרמיה . לדעתו : רבי זירא . נולד בבבל וגדל בא"י וקרייה דקאמר ארץ שנער הרה וילדה וארץ צבי גדלה שעשועיה ולהכי קרו ליה רב זירא ורבי זירא : אוי נא לה אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה . יכולה רקת לומר כן רקת



אין טאסער ודי יודען ווערין נירופען דריטל . מייל זיי זענען געדריטעלט כהנים לוים ישראלים . אונ רבא אליין איז גירעכענט מער ווי העלפט יודען . ועיין מהרש"א . גידיינק אונ האב רחמנות . אויב מיר האבען אפ גיקערט פון דיר אזוי ווי אאשה וואס האט אפ גיקערט פון איר מאן . פון דעסטוועגין זאלסטו אונז ניט פאר לאזען צו מאכען מיט אונז אציכען אזוי ווי מען מאכט אצייכען מיט אאשה מיט די מים המרים . ומיט די ביטערע וואסער וואס עס שטייט אין די סדרה נשא . ועיין מהרש"א . רבי חנין איז גיוועזען דער איידעם פון נשיא : אונ ער האט ניט גיהאט קיין קינדער . הט ער מתפלל גיוועזען איז דאס ווייב מעוברת גיווארען . אונ דעם טאג ווס דאס קינד איז געבארען גיווארען . איז רבי חנין דער פאטער פון דעם קינד גישטארבען . האט אכספדן אן גיהויבען צו זאגען אהספד . די שמחה איז פאר קערט גיווארען צו טרויער . פרייד מיט טרויער זענען בהעפט גיווארען . אין דער צייט פון זיין שמחה : טוהט מען זיפצען . אין דער צייט פון זיין דער ציהונג . האט ער פאר לארען דעם דערציהער . האט מען דעם קינד אנאמען גיגעבען חנין . דעם פאטערס נאמען . אז רבי יוחנן איז גישטארבען . האט רבי יצחק בן אלעזר אנגיהויבען צו זאגען אהספד . דער היינטיגער טאג איז שווער ביי די יודען אזוי ווי דער טאג ווס די זוהן איז אונטער גיגאנגען אין מיטען טאג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל מאכען אונטער גיין די זוהן אין האלבען טאג . הט רבי יוחנן גיזאגט דם מיינט מען דעם טאג וואס יאשיהו איז גיהרגת גיווארען . ודי צדיקים זענען גענגליכען צו דיא זוהן . אז יאשיהו איז גיהרגת גיווארען אין זיינע מיטען יאהרען . דאס הייסט דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען אין מיטען טאג . אונ דיא יודען האבען שטארק גיוויינט אונ גיטרויערט אויף יאשיהו . אזוי דארפען מיר וויינען אויף רבי יוחנן . אז רבי יוחנן איז גישטארבען איז רבי אמי גיזעסען אויף איהם שבעה . אונ האט געהיט שלשים . האט רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא גזאגט דר דין ווס רבי אמי האט גיטאהן . הט ער נאר גיטאהן נאך זיין מיינונג . אבער קיינער האלט ניט אזוי ווי ער . ווארום רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנס וועגין אפילו עס איז גישטארבען זיינער ארבי וואס ער הט איהם גילערונט תורה . דארף דער תלמיד נאר זיצען אויף דער ערד איין טאג . אז רבי זירא איז גישטארבען האט דער כספדן אן גיהויבען צו זאגען אהספד . בבל האט גיטראגען אונ גיבארען דעם צדיק . אונ ארץ ישראל האט דער צויגען אירע פריילאכקייט . ווארום רבי זירא איז גיבארען גיווארען אין בבל . אונ אז ער איז שוין גיוועזען אגרויסער למדן איז ער גיקומען אין ארץ ישראל . אונ איז אין ארץ ישראל גישטארבען . רקת דאס איז טבריה זאגט ווי צוא מיר איך האב פאר לארען מיין בעסטע כלי . אז רבי אבהו איז גישטארבען האבען די זיילען פון דיא שטאט קסרי גיוויינט מיט טרערין . ווען רבי יוסי איז גישטארבען האט גינאסען

דרבי יעקב (בר אחא) איתחמיאו כוכבי ביממא. דרבי אסי אתעקרו (כל ארזיא. דרבי שמואל בר יצחק אתעקרו) כל אילניא. דרבי חייא נחיתו כיפי דנורא מן רקיע. דרבי מנחם ברבי סימאי אשתעו כל צלמניא והוו למחצליא. דרבי תנחום בריה דרבי חייא (איש כפר עכו) אתעקרו כל אנדרטיא. דרבי (יצחק בר) אלישיב אתחתרו שבעין מחתרתא (בטבריא) [בנהרדעא]. דרב המנונא נחיתו כיפי דברדא מן שמיא. דרבה ורב יוסף נשק כיפי דפרת אהדדי. דאביי ורבא נשוק כיפי דדיגלת אהדדי. כי נח נפשיה דרב משרשיא טעון דיקלי שיצי:

ו' תבריה: אתחמו. הורידו דמעות: איתחמיאו. נראו הכוכבים שנשתנה העולם בשבילו רוב נער: כיפי דנורא. אבנים של אור: אשתעו כל צלמניא. נחלקו ונמעכו טרם הפרצוף של צלמים וצורת המטבעות מפני מרה שהגיד שנחלקה דרבי מנחם לא נסתכל אפילו בצורת שבכל מטבע מעולם כדאמרינן בע"ז: והוו למחצליא. כמו שהוחלקו כמעגל ובמחצלים כלי עגול שבו טוחן ט"ש הכוהל: אנדרטי. צורה [שעושין על שם] המלך שמת: אתחתו שבעים נחים. דגנבים דבזכותיה לא הוו אתו גנבים: וכיפי דברדא. אבנים: כיפי דפרת אהדדי. תימה שהנהר בנוי עליהן אורקא"ש בלע"ז: נשק. קרבו זה לזה [ונשתברו] מפני שנוי שבא לעולם: שיצי. קוצים:
שאין מתאחין. לעולם: שמועות רעות. ששמע על רוב הצבור שנהרגו: על ברכת השם. ששמע רשע שברך את השם: אני. ששיה שקול לו

(דף כו) **כב תנו** רבנן ואלו קרעין שאין מתאחין. הקורע על אביו ועל אמו ועל רבו שלמדו תורה ועל נשיא ועל אב בית דין ועל שמועות רעות ועל ברכת השם ועל ספר תורה שנשרף [ועל ערי יהודה] וכו'. אביו ואמו ורבו שלמדו תורה מנין דכתיב (מ"ב ב) ואלישע ראה והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו. אבי אבי זה אביו ואמו. רכב ישראל ופרשיו

---

גלוט פון דיא רינעם וואס אין דיא שטאט צפורי. ווען רבי יעקב איז געשטארבען זענען געזעהן געוואָרען די שטערין ביי טאג. ווען רבי אסי איז געשטאָרבען זענען אויס געריסען געוואָרען אלע טענען בוימער. ווען רבי שמואל בר יצחק איז געשטארבען זענען אויס געריסען געוואָרען אלע בוימער. ווען רבי חייא איז געשטאָרבען איז געפאלען פייערדיגע שטיינער פון הימעל. ווען רבי מנחם ברבי סימאי איז געשטאָרבען איז צו קוועטשט געוואָרען אלע צורות פון די צלמים, אונ אלע צורות פון די מטבעות איז אפּ געריבען געוואָרען: ווען רבי תנחום דער זוהן פון רבי חייא פון דעם דאָרף עכו איז געשטאָרבען זענען אלע מאנומענטין אויס געריסען געוואָרען. ווען רבי יצחק בר אלישיב איז געשטאָרבען האָבען גנבים אונטער געגראָבען זיבעציג הייזער אין די שטאָט נהרדעא אונ האָבען בגנבת. וואָרום דורך זיין זכות האָט מען ניט גיגנבת. ווען רב המנונא איז געשטאָרבען האָט געגידערט פון הימעל האָגיל גרויס וויא שטיינער. ווען רבה אונ רב יוסף זענען געשטאָרבען די מאהערין וואָס דער בריק פון טייך פרת שטייט אויף זיי זענען געקומען איינער צום אנדערין אונ דער בריק איז צו בראָכען געוואָרען: ווען אביי אונ רבא זענען געשטאָרבען די מאהערין וואס דער בריק פון טייך דיגלת שטייט אויף די זענען געקומען איינער צום אנדערין אונ דער בריק איז צו בראָכען געוואָרען. ווען רב משרשיא איז געשטאָרבען איז פון די טייטל בוימער געוואָרען דערנער,

**כב** תנו רבנן · די רבנן האָבען געלערנט די קריעות טאָר מען קיין מאָהל ניט צו נייען, דער וואס רייסט קריעה אויף זיין פאָטער אָדער אויף זיין מוטער אָדער אויף זיין רבי וואס האָט איהם געלערנט תורה. אָדער אויף א נשיא אָדער אויף דעם גרעסטען פון בית דין: אָדער ער האָט געריסען קריעה ווייל ער האָט געהערט פיל יודען זענען געהרגט געוואָרען. אָדער ער האָט געהערט ווי א רשע האָט געלעסטערט נאָט האָט ער געריסען קריעה. אָדער אויף א ספר תורה וואס איז פאַר ברענט געוואָרען. די אלע קריעות טאָר מען קיין מאָהל ניט צו נייען. פון וואַנען ווייסען מיר אז אויף א פאָטער אונ א מוטער אונ א רבי וואס האָט איהם געלערנט תורה. אז די שטאַרבען דאַרף מען רייסען די קליידער. וואָרום עס שטייט אין פסוק אלישע האָט געזעהן די אליהו הנביא איז ארויף געגאַנגען אויף דעם הימעל אונ ער האָט געשריגען מיין פאָטער

ופרשיו זה רבו שלמדו (חכמה) [תורה] מאי משמע כדמתרגם רב יוסף רבי רבי דטב להון לישראל בצלותיה מרתיכין ופרשין. ולא כתאחין מנ"ל דכתיב (שם) ויחזק בבגדיו ויקרעם לשנים קרעים ממשמע שנאמר לשנים איני יודע שהם קועים אלא מלמד שקרועין ועומדין לשנים לעולם. אמר ליה ריש לקיש לרבי יוחנן אליהו חי הוא אמר ליה כיון דכתיב (שם) ולא ראהו עוד לגבי דידיה כמת דמי. ועל נשיא ואב בית דין ושמועות רעות מנ"ל דכתיב (ש"ב א) ויחזק דוד בבגדיו ויקרעם וגם כל האנשים אשר אתו ויספדו ויבכו ויצומו עד הערב על שאול ועל יהונתן בנו ועל עם ה' ועל בית ישראל. שאול זה נשיא, יהונתן זה אב בית דין. על עם ה' ועל בית ישראל אלו שמועות רעות. א"ל (רבא) [רב] בר שבא לרב כהנא ואימא עד דאיכא כולהו א"ל על הפסיק הענין. ס"ת שנשרף מנא לן דכתיב (ירמיה לו) ויהי בקרא יהודי שלש דלתות וארבעה יקרעה בתער הסופר והשלך אל האש וגו' מאי שלש

מלכיו וכלאמו: ויחזק בבגדיו ויקרעם. בגליא כזיב ס"נ ממשמע שנא' ויקרעם לשנים א"י יודע שהם קרעים אלא מלמד שהיו קרועים לעולם: וה"ג ובסנהדרין בפ' ד' מיתות: אליהו חי הוא. ולמה קרע עליו: שאול זה נשיא יהונתן זה אב ב"ד. דהכם היה: על פל הפסיק הענין. דעל כל אחד ואחד קורעין: ס"ת שנשרף. קורעין עליו מפני האזכרות שבו: שלש דלתות. מ"ה ק"י דלתות שכל פסוק ופסוק של ספר קינות פרשה לעצמה:

מיין פאטער דו ביסט געוועזן דער רייט וואגען און דער רייטער פון די יודען. מיין פאטער מיין פאטער, צוויי מאהל. דו ביסט צו מיר געוועזן אזוי ווי א פאטער און אזוי ווי א מוטער. דוא ביסט געוועזן דער רייט וואגען און דער רייטער פון די יודען. דו ביסט ביי מיר געוועזן ארבי וואס דו האסט מיך געלערנט תורה. אזוי ווי רב יוסף האט איבער געזעצט די ווערטער. מיין רבי מיין רבי וואס דו מיט דיין תפלה ביסט געוועזן בעסער צו די יודען ווי רייט וועגין און רייטער. פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט צו נייען די קריעה. ווארום עס שטייט אין פסוק אלישע האט אן גינומען זיינע קליידער און האט זיי צוריסען אויף צווייען. אז עס שטייט אין פסוק ער האט זיי צוריסען אויף צווייען. ווייסען מיר דאך אז זיי זענען צוריסען. צו וואס שטייט נאך אמאהל דער ווארט קרעים. צו ריסען. נאר דער פסוק לערנט אונז אז עס דארף בלייבען צוריסען אויף צווייען אויף אייביג. האט ריש לקיש גזאגט צו רבי יוחנן אליהו לעבט דאך צו וואס האט אלישע צוריסען זיינע קליידער. האט רבי יוחנן גזאגט וויל עס שטייט אין פסוק ער האט איהם ניט מער גיזעהן: ביי אלישע איז געוועזן גירעכענט גלייך ווי אליהו וואלט געוועזן גישטארבען. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף צו רייסען די קליידער אז עס שטארבט א נשיא אדער דער גרעסטער פון בית דין אדער אז מען הערט פיל יודען זענען גיהרגת געווארען. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט אן גינומען זיינע קליידער און האט זיי צוריסען. און דיא אלע מענטשין וואס זענען געוועזן מיט דוד האבען אויך צוריסען זייערע קליידער. און זיי האבען גיקלאגט און האבען געוויינט און האבען גיפאסט ביז נאכט אויף שאול און אויף זיין זון יהונתן און אויף פאלק פון גאט און אויף די יודען. שאול איז געוועזן א נשיא. יהונתן איז געוועזן דער גרעסטער פון בית דין. אויף דם פאלק פון גאט און אויף די יודען. דאס איז די שלעכטע הערונג וואס זיי האבען גיהערט אז די יודען זענען גיהרגת געווארען. האט רבא בר שבא גזאגט צו רב כהנא טאמער דארף מען אנדערש ניט רייסען די קליידער נאר סיידין אויף אלע דריי מיט איין מאהל ואז עס איז גיהרגת געווארין א נשיא און דער גרעסטער פון בית דין און פיל יודין מיט איין מאהל. האט רב כהנא גזאגט וויל עס שטייט צוויי מאהל על. איז יעדער על בזונדער. על שאול. און על יהונתן. און על עם ה' בזונדער. אפילו שאול אליין וואלט גיהרגת געווארין. אדער יהונתן אליין וואלט גיהרגת געווארין. אדער דיא יודין אליין וואלטין גיהרגת געווארין. וואלט מען אויך גידארפט רייסען די קליידער. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף רייסען די קליידער אז מען זעהט אז א ספר תורה איז פאר ברענט געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אז יהודי האט גילייענט דריי פיר פסוקים האט ער צו שניטען די מגלה מיט דעם

שרייבערס

(והכלך אל האש. שנשרף חוץ לגוף המגלה): אנא מלכא. ואעפ"כ אנא מלכא: היו צריה לראש. שכחשתי ראש ולא אחר: מגזת קסרי. כך שמה: ולא אמרו. לקרוע אשמועות רעות: אלא בצבור. כל ישראל: כמעשה שהיה. דשאול ויהונתן. גרמו לנפשייהו. דמרדו ביה והא דקאמר לא קטילי יהודאי כ"ל כתגס: לקל יתרי. לקול כנורות ונבלים של מגזה קסרי שהיו רוקדים ומשוררים ומזמרים ומורדים במלכות: פקע שורא. נבקע החומה

שלש דלתות וארבעה דאמרי ליה ליהויקים כתב ירמיהו ספר קינות אמר להו מאי כתיב ביה (איכה א) איכה ישבה בדד אמר להו אנא מלכא. אמר ליה בכה תבכה בלילה אמר אנא מלכא. גלתה יהודה מעוני אמר להו אנא מלכא. דרכי ציון אבלות אמר אנא מלכא. היו צריה לראש אמר להו מאן אמרה כי ה' הוגה על רוב פשעיה מיד קדר כל האזכרות שבה ושרפן באש והיינו דכתיב (ירמיה לו) ולא פחדו ולא קרעו [את בגדיהם] מכלל דבעו למקרע. אמר ליה רב פפא לאביי אימא משמועות רעות אמר ליה שמועות רעות בההיא שעתא מי הואי. עוד הזכירו בברייתא דעל שמועות רעות קורעין ולא מאחין ואמרינן עלה בגמרא ואשמועות רעות מי קורעין והאמרו ליה לשמואל קטיל שבור מלכא תריסר אלפי מיהודאי במגזת דקסרי ולא קרע אמר להו לא אמרו אלא ברוב צבור וכמעשה שהיה ומי קטיל שבור מלכא יהודאי והא אמר ליה שבור מלכא לשמואל תיתי לי דלא קטילית יהודאי מעולם התם אינהו גרמו לנפשייהו דאמר רבי אמי לקל יתרי דמגזת דקסרי פקע שורא דלודקיא

---

שרייבערס מעסער אונ האט געווארפען די מגילה אויף דעם פייער. פאר וואס האט ער געווארט ביז ער האט געלייענט דריי פיר פסוקים. ווארום מען האט געזאגט צו יהויקים ירמיה האט געשריבען קינות. האט יהויקים געזאגט וואס שטייט אין דיא קינות. האט מען איהם געזאגט עס שטייט איכה ישבה בדד. ווי אזוי איז ירושלים געבליבען זיצען אליין. האט יהויקים געזאגט איך בין א מלך. נאך האט מען געזאגט צו איהם עס שטייט בכה תבכה בלילה. ירושלים וועט וויינען ביי נאכט. האט יהויקים געזאגט איך בין א מלך. נאך האט מען געזאגט צו איהם עס שטייט דרכי ציון אבלות. די וועגען פון ציון וועלין טרויעריג זיין. האט יהויקים געזאגט איך בין א מלך. נאך האט מען געזאגט צו איהם דעם פינפטען פסוק היו צריה לראש. די פיינט וועלין זיין די ערשטע ניט דו. האט יהויקים געפרעגט ווער האט דאס געזאגט. האט מען איהם געענטפערט כי ה' הוגה על רוב פשעיה. גאט האט געמאכט טרויעריג ירושלים וועגען איהרע פיל זינד. האט באלד גענומען יהויקים די מגילה און ער האט אויס געשניטען אלע שמות אונ ער האט זיי פארברענט אין פייער. אונ עס שטייט אין פסוק זיי האבען ניט געשראקען אונ האבען ניט צוריסען זייערע קליידער: זעהן מיר אז מען פארברענט די נעמען פון גאט דארף מען צו רייסען די קליידער. האט רב פפא געזאגט צו אביי טאמער האבען זיי געדארפט צו רייסען קליידער אויף די שלעכטע הערונג וואס זיי האבען געהערט אז מען האט די יודען געהרגעט. האט אביי געזאגט אין די צייט ווען יהויקים האט געלייענט די מגילה איז נאך ניט געוועזען קיין שלעכטע הערונג. דאמאלס האט מען נאך ניט געהרגעט די יודען: פרעגט די גמרא פריער שטייט אז מען הערט מען האט געהרגעט יודען רייסט מען די קליידער אונ מען פארנייט זיי קיין מאהל ניט. מען האט דאך געזאגט צו שמואל שבור מלכא האט געהרגעט צוועלף טויזענד יודען אין מגזת קסרי. אונ שמואל האט ניט צוריסען די קליידער. ענטפערט די גמרא אז עס ווערין געהרגעט מער וויא העלפט יודען אזוי ווי עס איז געוועזען ביי די מלחמה פון שאול. דארף מען רייסען די קליידער. אבער ניט ביי ווייניגער. פרעגט דיא גמרא האט דען שבור מלכא געהרגעט יודען. שבור מלכא האט דאך געזאגט צו שמואל דער זכות זאל מיר ביי שטיין וואס איך האב קיין מאהל ניט געהרגעט קיין יודען. ענטפערט די גמרא שבור מלכא האט געמיינט אומזיסט האט ער ניט געהרגעט קיין יודען. אבער דארט האבען די יודען אליין אויף זיך געבראכט דעם טויט. וואריום רבי אמי האט געזאגט פון דעם געשריי אונ געזאנג וואס די יודען האבען געשריגען אונ געזונגען אין מגזת קסרי וויל זיי האבען מורד געוועזען אן שבור מלכא. זענען געשפאלטען געווארען די טאהערין פון

דורקיא

דלידקיא רבי אבא ורב הונא בר חייא הוו יתבי קמ
רבי אבא לאפנויי שקליה לטוטפתא אנחא אבי סריא
אתא בת נעמיתא בעי למיבלעא (שדא רב הונא ידיה
ואצלינהו אמר ליה אי בלעא) [אמר] השתא איחייבנא
שתי קריעות אמר ליה רב הונא מנא לך בדידי הוה
עובדא ואתאי לקמיה דרב מתנא ולא הוה בידיה
ואתאי לקמיה דרב יהודה ואמר לי הכי אמר שמואל
לא אמרו אלא בזרוע וכמעשה שהיה [ערי יהודה מגלן
דכתיב (שם מא) ויבואו אנשים משכם וגו' . וקרועי
בגדים]. (דף כז ע"ב) רב המנונא איקלע (לדארי מתא) [לדרומתא] שמע קל שיפורא דשכבא
חזא הנך אינשי דקא עבדי עבידתא אמר להו להוו הנך אינשי בשמתא לאו שכבא איכא
במתא אמרו ליה חברותא איכא במתא אמר להו אי הכי שרי לכו :

**כג אמר** רב יהודה אמר רב כל המקשר על מתו יותר מדאי על מת אחר הוא בוכה. ההיא אתתא דהואי בשבבותיה דרב הונא הוו לה שבעה בנים שכיב חד מינייהו הוות בכיא עליה ביתירות שלח לה רב הונא לא תעבדי הכי לא אשגחת ביה

לודקיא : בת נעמיתא . בת היענה : סבתא . לא בקיע להו נעמיתא איבעי ליה למיקרע על כבוד ועל ככתב דהוי ככנוף : לא אמרו אלא בזרוע . כבאדם מהבהו בידים ל"א לא אמרו אלא בזרוע שיש להם זרוע ויכולה להציל כי מעשה שהיה של אותם הברים העומדים על יהויקים שהיה בידם למחות ולא מיחו ולפיכך חייבים קריעה דכתיב ולא קרעו וכלל דהית להו למקרע : הכרוזה איכא. הכרוזה כן שהלו קוברק מתים שלבן לבן ואלו קוברין מתים שלבן לבן :

מקשר . לשון וקשרו מספד : על מת אחר הוא בוכה . שכל המתקשה על צער יותר מדאי הצער נמשך אחריו : ביתירות . יותר מדאי :

לודקיא . דריבער האט ער זיי גיהרגט . רבי אבא און רב הונא בר חייא זענען גיזעסען . האט רבי אבא גידארפט ארויס צו גיין . האט רבי אבא אראפ גינומען פון זיך די תפילין און האט זיי גילייגט אויף אקישען . איז גיקומען אבת היענה (אזוי אפויגיל) און האט גיוואלט איין שלינגען די תפילין . האט רב הונא גילייגט זיין האנט אויף די תפילין און האט ניט גילאזט איין שלינגען . האט רבי אבא גזאגט ווען די בת היענה וואלט איין גישלונגען די תפילין . וואלט איך גידארפט רייסען די קליידער צוויי מאהל . אויף דעם פארמעט פון די תפילין . און אויף די געשריבענע אויף די פרשות . ווארום דאס איז גלייך ווי די תפילין וואלטען פאר ברענט גיווארין . האט רב הונא גזאגט צו רבי אבא פון וואנען ווייסטו אז דו וואלסט גידארפט רייסען די קליידער . ביי מיר האט אמאהל אזוי גיטראפען . אז אבת היענה האט איין גישלונגען מיינע תפילין . בין איך גיקומען פאר רב מתנא פרעגין אויב איך דארף רייסען די קליידער . האט רב מתנא ניט גיוואוסט . בין איך גיקומען פאר רב יהודה . האט ער צו מיר גזאגט אזוי האט גזאגט שמואל אז דער מענטש האט גיקענט העלפין עס זאל ניט פאר ברענט ווערין . און ער האט ניט גיהאלפען . אזוי וויא עס איז גיוועזען ביי יהויקים . די שרים האבען גיקענט מציל זיין די מגלה זיא זאל ניט פאר ברענט ווערין . און זיי האבען ניט מציל גיוועזען . דארף מען צו רייסען די קליידער . אבער וואו מען האט ניט גיקענט מציל זיין . דארף מען ניט צו רייסען די קליידער . רב המנונא איז אמאהל גיקומען אין די שטאט דרומתא . האט ער גיהערט מען בלאזט שופר אז איינער איז גישטארבען . און ער האט גיזעהן מענטשין בעלי מלאכות ארבעטין . האט רב המנונא גזאגט צו זיי איר זאלט זיין אין חרם . עס איז דאך דא אמת אין שטאט . דארפט איר דאך זעהן מען זאל איהם בגראבען . האבען זיי גזאגט צו רב המנונא עס איז דא אחברה אין שטאט . וואס זיי בשעפטיגען זיך מיט דעם מת . האט רב המנונא גיזאגט אויב עס איז אזוי מעגט איר ארבעטין :

**כג** אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבם ווענין דער וואס קלאגט אויף אמת צוא פיל וועט ער קלאגען אויף נאך אמת . עס וועט נאך איינער ביי איהם שטארבען . אאשה האט גיוואוינט נאנט פון רב הונא . די אשה האט גיהאט זיבען קינדער . איז איין קינד ביי איר גישטארבען . האט זי אויף איהם גיוויינט צו פיל . האט רב הונא געשיקט צו איר מען זאל איר זאגען זי זאל אויף הערין וויינען . האט זיא ניט גיפאלגט און האט ווייטער

געוויינט

ביה שלח לה אי צייתא מוטב ואי לא תיטוש היא איתתא זוודתין לאידך [מית] ומתו כולהו והוה קא בכיא שלח לה תימוש זוודתא לנפשה ומתה. (שם כב) אל תבכו למת ואל תנודו לו אל תבכו למת יותר מדאי ואל תנודו לו יותר מכשיעור הא כיצד שלשה [ימים] לבכי שבעה להספד שלשים לגיהוץ ולתספורת מכאן ואילך אמר הקב"ה אין אתם מרחמים עליו יותר ממני. (שם) בכו בכו להולך אמר (הקב"ה) [רב יהודה] להולך בלא בנים ריב"ל לא אזיל לבי אבלא אלא למאן דאזיל בלא בני דכתיב בכו בכו להולך כי לא ישוב עוד וראה את ארץ מולדתו. רב הונא אמר זה שעבר עבירה ושנה בה. רב הונא לטעמיה דאמר רב הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו ס"ד אלא נעשית לו כהיתר:

ביתא. חתן: אודתא. הכריכין להם לפני: ומתו כולהו. והכתי בכי ביתירתא: אין אתם מרחמים עליו יותר ממני. שמעשה ידי הוא ומרגתיו בפשעו: בכו בכו להולך. סיפא דקרא כי לא ישוב עוד כלו' בכו גם לרשע זה שלא ישוב עוד ונמלא נטרד מן העולם: נעשית לו כהיתר. ואינו חוזר עליו בתשובה:

מיתת הלדיקים מכפרת. על אותו הדור: מיתת אהרן לבגדי כהונה. שנאמר ויפשט משה את אהרן את בגדיו וגו' (ואהרן יאסף אל עמיו ומת שם) וימת אהרן שם בראש ההר: בגדי אהרן

(דף כח) **כד אמר** רבי אמי למה נסמכה מיתת מרים לפרה אדומה לומר לך מה פרה אדומה מכפרת אף מיתתן של צדיקים מכפרת. אמר רבי אלעזר למה נסמכה מיתת אהרן לבגדי כהונה לומר לך מה בגדי כהונה מכפרים

---

געוויינט. האט רב הונא נאך אמאהל געשיקט צו איר אויב דו וועסט פאלגין איז גוט. אונ אויב ניט מעג די אשה אן גרייטען תכריכים פאר נאך אקינד. איז נאך אקינד געשטארבען אונ נאך אקינד ביז אלע זיבען קינדער זענען געשטארבען: אונ זי האט נאך ווייטער צו פיל געוויינט. האט רב הונא צו איר געשיקט אויב זיא וויל ניט אויפהערין וויינען זאל זיא אן גרייטען תכריכים פאר זיך. אונ די איז אויך געשטארבען. אין פסוק שטייט איר זאלט ניט וויינען אויף אמת. אונ איר זאלט ניט שאקלען אויף איהם מיט דעם קאפ. דס מיינט מען איר זאלט ניט וויינען צו פיל. אונ איר זאלט ניט שאקלען מיט דעם קאפ אויף דעם מת צו פיל. ווי זאל זיין. דריי טעג זאל מען וויינען. נאך פיר טעג ביז זיבען טעג זאל מען טרויערין אין הארצען אן טרערין. ביז דרייסיג טעג זאל מען ניט גיין אין גיפרעסטע קליידער. אונ מען זאל ניט שערין די האר. פון דרייסיג טעג אונ ווייטער. זאגט גאט איר דארפט ניט אויף איהם מער רחמנות האבען ווי איך. אין פסוק שטייט בכו בכו להולך. איר זאלט וויינען צו דעם וואס גייט. רב יהודה זאגט מען מיינט מען זאל וויינען צו דעם וואס גייט אוועק פון דער וועלט אן קינדער. רבי יהושע בן לוי פלעגט ניט גיין צו קיין אבל. נאר צו די אבלים וואס זענען גיזעסען שבעה אויף אמענטשין וואס איז געשטארבען אן קינדער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט וויינען אויף דעם מענטשין וואס איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט אן קינדער ער וועט ניט מער צוריק קומען זעהן דיא לאנד וואס ער איז אין איר גיבארען גיווארען. רב הונא זאגט דאס מיינט מען אז איינער האט גיטאהן אעבירה איין מאהל אונ נאך אמאהל. ווארום רב הונא האט גזאגט אז אמענטש טוהט אעבירה איין מאהל אונ נאך אמאהל. איז שוין ביי איהם די עבירה ווי אזאך וואס מען מעג. אונ ער טוהט שוין ניט קיין תשובה אויף איר. זאגט דער פסוק איר זאלט וויינען אויף דעם מענטש וואס גייט מיט אזעלכע עבירות וואס ער וועט אויף זייא קיין תשובה ניט טאהן. אונ דורך דיא עבירות וועט ער מוזען אוועק גיין פון דער וועלט. אונ ער וועט זיא שוין מעהר ניט זעהן:

**כד אמר**. רבי אמי האט גזאגט ווארום שטייט נאנט דאס שטארבען פון מרים נעבין דעם דין פון פרה אדומה. צו לערנען אזוי ווי די פרה אדומה איז מכפר. אזוי אז אצדיק שטארבט איז זיין טויט מכפר אויף דער וועלט. רבי אלעזר האט גזאגט פאר וואס שטייט נאנט דאס שטארבען פון אהרן נעבין די קליידער פון כהן גדול. עס שטייט אין פסוק משה האט

אראפ

מכפדים אף מיתתן של צדיקים מכפרת :

**בה תנו** רבנן מת פתאום זו היא מיתה חטופה חלה יום אחד ומת זו מיתה דחופה. רבי חנינא בן גמליאל אומר זו היא מיתת מגפה שנאמר (יחזקאל כד) בן אדם הנני לוקח ממך את מחמד עיניך במגפה וכתיב (שם) ואדבר אל העם בבקר ותמת אשתי בערב. שני ימים ומת זו היא מיתה דחויה. שלשה גערה. ד' נזיפה. ה' מיתת כל אדם. אמר רבי חנין מאי קראה (דברים לא) ויאמר ה' אל משה הן קרבו ימיך למות קרבו תרי ימיך תרי הן חדא שכך בלשון יוני קורין לאחת הינא. מת בחמשים (שנה) זו היא מיתת כרת. בחמשים ושתים (שנה) זו היא מיתתו של שמואל הרמתי. בששים זו היא מיתת (כל אדם) [בידי שמים] אמר מר זוטרא מאי קראה (איוב ה) תבא בכלח אלי קבר כעלות גדיש בעתו בכלח בגימטריא ששים. לשבעים שיבה. לשמונים גבורה דכתיב (תהלים צ) ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים. אמר רבא [רבה] מחמשים ועד ששים זו היא מיתת כרת והא דלא קא חשיב לה משום כבודו דשמואל

מכפרים. הכן המתפסט על עווס כדין וכו' פטמח על לנ"ר ביומא :
מת פתאום. שלא חלה : זו היא מיתה חטופה. דאמרינן למות הולאות והם מיני מיתה כניט' : זו היא מיתת כל אדם. וכרובו מת בו סמיתה הטיבה. מת בחמשים שנה זו היא מיתת כרת גרסינן : בחמשים ושתים זו מיתתו של שמואל. דכתיב וישב שם עד עולם עד עולמו של יובל חמשים שנה : והא דלא חשיב לה. לעיל לבהד

---

אַראָפּ גִיצוֹיגֶען פוּן אַהֲרֹן זַיינֶע קְלֵיידֶער. אוּנ אַהֲרֹן אִיז גִישְׁטָארְבֶּען) צוּ לֶערנֶען אַזוֹי ווִי דִי קְלֵיידֶער פוּן כֹּהֵן גָדוֹל זֶענֶען מְכַפֵּר. אַזוֹי אַז אַצַדִיק שְׁטַארְבְּט אִיז זַיין טוֹיט מְכַפֵּר אוֹיף דֶער ווֶעלְט :

**בה** תָּנוּ רַבָּנָן, דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז אֵיינֶער אִיז גִישְׁטָארְבֶּען פְּלוּצְלוּנְג. עֶר אִיז גָאר נִיט קְרַאנְק גִיוֶועןֹ. דָאס אִיז אַגִיחַאפְּטֶער טוֹיט עֶר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארֶען פוּן דֶער ווֶעלְט. אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען אֵיין טָאג אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. דָאס אִיז אַוֶועק גִישְׁטוֹיסֶענֶער טוֹיט. עֶר אִיז אַוֶועק גִישְׁטוֹיסֶען גִיוָוארֶען פוּן דֶער ווֶעלְט. רַבִּי חֲנִינָא בֶּן גַמְלִיאֵל זָאגְט דֶם שְׁטַארְבֶּען אִיז פוּן אַמַגֵפָה. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ דֶעם נָבִיא יְחֶזְקֵאל דוּ מֶענְטְשִׁין זוּהן אִיךְ ווֶעל צוּא נֶעמֶען פוּן דִיר דָאס גְלוּסְטִיגְקֵייט פוּן דַיינֶע אוֹיגֶען מִיט אַמַגֵפָה. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ הָאבּ גִירֶעט צוּם פָאלְק אִין דֶער פְרִיא אוּנ מַיין ווַייבּ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען פַארִין נַאכְט. אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען צְווֵיי טֶעג אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. דָאס הֵייסְט פַאמֶעלַאךְ אַוֶועק גִישְׁטוֹיסֶען פוּן דֶער ווֶעלְט. אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען דְרַיי טֶעג אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. דָם הֵייסְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער ווֶעלְט מִיט אַגְרוֹיסֶען גִישְׁרַיי פוּן גָאט. אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען פִיר טֶעג אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. דָאס הֵייסְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער ווֶעלְט מִיט אַגִישְׁרַיי פוּן גָאט ; נָאר נִיט אַזוֹי גְרוֹיס ווִי פְרִיֶערְ). אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען פִינְף טֶעג אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין צוּא שְׁטַארְבֶּען. רַבִּי חָנִין זָאגְט דָאס ווַייסֶען מִיר פוּן פָּסוּק. גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ מֹשֶׁה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת. קָרְבוּ זֵיי הָאבֶּען גִינֶענְט. אִיז צְווֵיי טֶעג. יָמֶיךָ. דַיינֶע טֶעג. אִיז אוֹיךְ צְווֵיי טֶעג. הֵן. אִיז אֵיינְס. ווָארוּם אוֹיף יְוָנִית זָאגְט מֶען אוֹיף אֵיינְס הִינָא. צוּ זַאמֶען אִיז פִינְף טֶעג. אַז אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט צוּ פוּפְצִיג יָאהר דָם אִיז כָּרֵת. אַז עֶר שְׁטַארְבְּט צוּ צְווֵיי אוּנ פוּפְצִיג יָאהר. אַזוֹי אִיז גִישְׁטָארְבֶּען שְׁמוּאֵל הַנָבִיא. אַז עֶר שְׁטַארְבְּט צוּ זֶעכְצִיג יָאהר. אִיז עֶר גִישְׁטָארְבֶּען צוּא דֶער צַייט. מַר זוּטְרָא זָאגְט דָאס ווַייסֶען מִיר פוּן פָּסוּק. דוּא ווֶעסְט קוּמֶען בְּכֶלַח צוּם קֶבֶר אַזוֹי ווִי עֶס ווֶערְט אָפּ גִיטָאהן אַשַייעֶר אִין זַיין צַייט. דֶער ווָארְט בְּכֶלַח בַּטְרֶעפְט זֶעכְצִיג. אַז עֶר שְׁטַארְבְּט צוּ זִיבֶּעצִיג יָאהר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַאַלְטֶער מַאן. אַז עֶר שְׁטַארְבְּט צוּ אַכְצִיג יָאהר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַשְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ. ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנְזֶערֶע יָאהרִין זֶענֶען זִיבֶּעצִיג יָאהר אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז שְׁטַארְק גִיבָּארֶען אִיז בִּיז אַכְצִיג [illegible] ה זָאגְט אַז מֶען שְׁטַארְבְּט אִין דִי צֶעהֶן יָאהר פוּן פוּפְצִיג בִּיז זֶעכְצִיג יָאהר דָאס אִיז כָּרֵת [illegible] ווָאס זָאגְט דָאס נִיט [illegible]

דשמואל הרמתי. רב יוסף כי הוה בר שיתין עבד להו יומא טבא לרבנן אמר נפקא לי מכרת. אמר ליה אביי נהי דנפיק מר מכרת דשני מכרת דיומי מי נפיק מר אמר ליה נקוט מיהא פלגא בידך. רב הונא נח נפשיה פתאום הוו קא דאגי רבנן עליה תנא להו זוגא דמן הדייב ל"ש אלא שלא הגיע לגבורות אבל הגיע לגבורות זו היא מיתת נשיקה:

**כו אמר** רבא חיי בני ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא אלא במזלא תליא מלתא דהא רבה ורב חסדא תרוייהו רבנן צדיקי הוו מר מצלי ואתי מטרא ומר מצלי ואתי מטרא רב חסדא חיה תשעין ותרתין [שנין] רבה חיה ארבעין. בי רב חסדא שיתין הלולי. בי רבה שיתין תכלי. בי רב חסדא נהמא דסמידא לכלבא ולא מתבעי. בי רבה נהמא דשערי לאינשי ולא משתכח. ואמר רבא הני תלת מילי בעאי מן קמי שמיא תרתי יהבו לי וחדא לא יהבו לי חכמתיה דרב הונא ועותריה דרב חסדא יהבו לי וענותנותיה דרבה בר רב הונא לא יהבו לי:

רב

סכדי (איך) דכרת משום כבודו דשמואל שמת בן נ"ב: מכרת דיומי. (כגון הך דלעיל מת יום וכו' דחיפה דחויה נערכ) [שמת ימות מיתה המוסה]: נקוט מיהא פלגא. דמכרת דשני נפקא: זוגא. שני תלמידי חכמים שבאו משם: גבורות. כתגברו חיין:

חיי. אריכת ימים ורוב בנים ורוב מזונות שנותנים לו לאדם: שיתין הילולי. שיתין תוספות דהר: (נהמא דשערי. ולא משתכח (נגבי)): הלמהים דרב סונא. דאמריך לעיל שרבנן הוכה בישראל:

נמרא פריער. דורך דעם כבוד פון שמואל הנביא (ואס ער איז געשטארבען צו צוויי און פופציג יאהר. מען זאל נישט זאגען אז ער האט געזינדיגט אזוי אעבירה וואס ער איז פאר שולדיגט געווארען כרת. ווארום שמואל איז געשטארבען דורך שאול אזוי וויא עס שטייט אין מסכת תענית: אז רב יוסף איז אלט געווארען זעכציג יאהר. האט ער געמאכט איום טוב פאר די רבנן. וייל ער איז נישט געשטארבען דורך כרת. האט אביי געזאגט צו רב יוסף פון כרת פון יאהרען ביסטו שוין ארויס געגאנגען. אבער פון כרת פון טעג ביסטו נאך נישט ארויס געגאנגען. וויא פריער שטייט אז מען איז קראנק איין טאג אדער צוויי טאג און מען שטארבט דאס איז אויך כרת). האט רב יוסף געזאגט אבער פון די העלפט בין איך שוין ארויס געגאנגען. פון דעם כרת פון יאהרען בין איך שוין ארויס געגאנגען. מאך איך איום טוב אויף דעם כרת. רב הונא איז געשטארבען פלוצלונג האבען די רבנן געזארגט טאמער איז דס כרת. האבען געלערענט צוויי רבנן פון הדייב. אז מען שטארבט פלוצלונג פאר אכציג יאהר. דאס איז כרת. אבער אז מען שטארבט פלוצלונג נאך אכציג יאהר דס איז אסימן אז גאט אליין איז צו איהם געזעהן געווארען און האט צו גענומען זיין נשמה. ווארום מיר געפינען משה און אהרן זענען אויך נישט קראנק געווען פאר זייער שטארבען:

**כו** אמר. רבא האט געזאגט לאנג לעבין און קינדער האבען און רייכקייט דאס קומט נישט פון פרומקייט נאר פון מזל. ווארום רבה און רב חסדא זענען ביידע געווען רבנן און צדיקים. אז רבה האט געבעטען אויף רעגין איז געקומען רעגין: און אז רב חסדא האט געבעטין אויף רעגין איז געקומען רעגין. רב חסדא האט געלעבט צוויי און ניינציג יאהר. און רבה האט געלעבט פערציג יאהר. ביי רב חסדא איז געווען זעכציג חתונות ביי קינדער און ביי איינינקלאך. צו זאמען איז געווען זעכציג חתונות ווען רב חסדא האט געלעבט און ער האט געזעהן: רבה האט געזעהן ביי זיין לעבין זעכציג קינדער שטארבען. וקינדער און איינינקלאך). ביי רב חסדא האט מען געגעבען עסען די הינט ברויט פון פיינע מעהל. און זיי האבען נישט געוואלט עסין: ביי רבה האבען מענטשין געוואלט עסין גערשטין ברויט און האבען נישט געהאט. נאך האט רבא געזאגט דריי זאכען האב איך געבעטען ביי גאט צוויי זאכען האט מען מיר געגעבין. און איין זאך האט מען מיר נישט געגעבען. די חכמה פון רב הונא און דיא רייכקייט פון רב חסדא האט מען מיר געגעבען. איך זאל זיין ביי מיר אזוי נידעריג אזוי ווי רבה בר רב הונא. דס האט מען מיר נישט געגעבע

רב

**בז רב** שעורים אחוה (דרבה) [דרבא] הוה יתיב קמיה (דרבה) [דרבא] חזייה דהוה קא מנמנם אמר ליה לימא ליה מר דלא ליצערן אמר ליה ומר לאו שושביניה הוא אמר ליה כיון דאיתרע מזלא לא משגח בי אמר ליה ליתחזי לי מר איתחזי ליה אמר ליה הוה למר צערא אמר ליה כריבדא דכוסילתא (רבה) [רבא] הוה יתיב קמיה דרב נחמן וחזא דקא מנמנם אמר ליה לימא ליה מר דלא לצערן אמר ליה מר לאו אדם חשוב הוא אמר ליה מאן חשיב ומאן ספין ומאן רקיע אמר ליה ליתחזי לי מר (בחלמא) איתחזי ליה אמר ליה הוה למר צערא אמר ליה כמשחל בניתא מחלבא ואי אמר לי קרב"ה זיל בההוא עלמא כד הוית (יאיתית אמינא ליה) לא בעינא דנפישא בעיתותא (דמלאך המות) . רבי אלעזר הוה קא אכיל תרומה איתחזי ליה אמר ליה לאו תרומה קא אכילנא ולאו קדש איקרי (נזר כיניה) חלפא ליה שעתא . רב ששת איתחזי ליה בשוקא אמר ליה בשוק כבהמה איתא לנו

יתיב קמיה (דרבה) [דרבא] לפני מטתו שהיה חולה: חזייה. רב שעורים (לרבה) [לרבא] דקא מנמנם. גוסס. ולשון מעלית נקט: א"ל (רבה) [רבא] לרב שעורים אחוה: לימא ליה מר. למלאך המות: דלא ליצערן. יותר מדאי: ומר לאו שושביניה הוא. וכלא אתה מכירו אמור לו אתה מה"מ רגיל היה אצל ביתכם: אמר ליה כיון דאיתרע מזלא. דגוסס הוא לא משגח ביה א"ל רב שעורים אנא אפייסיה דלא ליצערן ומטו מינך לאחר מיתתך אחוי לי נפשך ואדע היכי עביד. כי מית איתחזי: כריבדא דכוסילתא. כהקזת דם במעט לפי שאדם שמקיז דם: ומר לאו אדם חשוב. לימא ליה מרו: מאן חשיב. מי הוא חשוב בעיניו: ומאן ספין. מי הוא אדם ראוי דלספסי מינים ותיים לדנוריה: ומאן רקיע. מי מתוקן אללו לבון רקועי פחים. ל"א אמרי מי גבוה בעיניו: כמשחל בניתא מחלבא. כמושך שער שנפל בחלב דליכא לערא כלל: משום דנפישא בעתותא דידיה. אי אמר לי זיל הוי בעלמא כדמעיקרא לא בעינא משום בעתותא דמה"מ בלא ימיתני פעם אחרת אע"פ שלא יצערני: לאו תרומה קאכילנא. ואי קטלת לי מטמיא דכתיב את משמרת תרומותי שצריך לשמרה בטהרה: ולאו קדש איקרי. דמצבי כולי האי: חלפא ליה שעתא. ולא מת

---

**בז** רב שעורים דער ברודער פון רבא איז געזעסען פאר רבא. ורבא איז געוועזען קראנק. האט רב שעורים געזעהן אז רבא איז גוסס. האט רבא געזאגט צו רב שעורים זאג דעם מלאך המות ער זאל מיר ניט מאכען צער אונ יסורים. האט רב שעורים געזאגט צו רבא דוא ביסט דאך באקאנט מיט דעם מלאך המות זאג דו איהם. האט רבא געזאגט ווייל מיין מזל האט שוין אויפגעהערט וועט דער מלאך המות ניט קוקען אויף מיינע רייד. האט רב שעורים געזאגט צו רבא איך וועל שוין בעטין דעם מלאך המות ער זאל דיר ניט מאכען יסורים. נאר איך בעט ביי דיר דוא זאלסט געזעהן ווערין צו מיר נאך דיין טויט. איז רבא געזעהן געווארען צו רב שעורים נאך זיין טויט. האט רב שעורים געזאגט צו רבא דוא האסט געהאט צער ביי דיין שטארבען. האט רבא געזאגט אזוי ווי מען האקט אויף אאדער. רבא איז געזעסען פאר רב נחמן ורב נחמן איז קראנק געוועזן. הט רבא געזעהן אז רב נחמן איז גוסס. האט רב נחמן געזאגט צו רבא זאג דעם מלאך המות ער זאל מיר ניט מאכען צער אונ יסורים. הט רבא געזאגט צו רב נחמן דוא ביסט דאך אויך אגרויסער מאן זאג דו איהם. הט רב נחמן געזאגט צו רבא ווער איז דען ניצבט ביי דעם מלאך המות. אונ פאר וועמען האט דער מלאך המות מורא. אונ ווער איז דען גרויס ביי איהם. האט רבא געזאגט צו רב נחמן איך וועל שוין בעטין דעם מלאך המות ער זאל דיר ניט מאכען יסורים. נאר איך בעט דיך דו זאלסט געזעהן ווערין צו מיר נאך דיין טויט. איז רב נחמן געזעהן געווארען צו רבא נאך זיין טויט. האט רבא געזאגט צו רב נחמן דו האסט געהאט צער ביי דיין שטארבען. האט רב נחמן געזאגט דער מלאך המות האט ארויס גיצויגען פון מיר די נשמה אזוי גרינג ווי מען ציהט ארויס אהאר פון מילך. אונ אז גאט וואלט געזאגט צו מיר גיי צוריק אויף דער וועלט אזוי ווי דו ביסט געוועזן: וואלט איך ניט וועלען. ווייל די שרעק פון מלאך המות איז זייער גרויס. רבי אלעזר הט גיגעסען תרומה: איז דער מלאך המות גיקומען צו איהם. נעמען זיין נשמה. הט רבי אלעזר געזאגט צום מלאך המות איך עס דאך תרומה. אונ תרומה איז הייליג. אז דוא וועסט מיך איצט הרגנן וועט דאך טמא ווערין די תרומה. איז אריבער גיגאנגען די צייט אונ ער האט איהם ניט גיהרגעט. צו רב ששת איז דער מלאך המות גיקומען אויף די גאס אונ הט גיוואלט נעמען ביי איהם די נשמה.

האט

לנו ביתא. רב (אסי) [אשי] איתחזי ליה בשוקא אמר ליה איתרח לי תלתין יומין ואהדרי לתלמודאי דאמריתו אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו ביום תלתין אתא אמר מאי כולי האי אמר ליה דקא דחקת רגליה דבר נתן ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא. רב חסדא לא הוה קא יכיל ליה דלא הוה קא שתיק פומיה מגרסיה סליק יתיב אארזא דבי רב פקע ארזא דבי רב אשתיק ויכיל ליה. רבי חייא לא קא מצי למקרבא ליה יומא חד דמי נפשיה כעניא אתא טרף אבבא אמר ליה אפיקו ליה ריפתא לעניא אפיקו ליה אמר ליה קא מרחם מר אעני אההוא גברא אמאי לא קא מרחם מר גלי ליה ואחוי ליה שוטא דנורא אמצי ליה נפשיה:

(פס ע"ב) **משנה.** נשים במועד מענות ולא מטפחות:

**גמ'** מאי אמרי אמר (רבא) [רב] ווי לאזלא ווי לחבילא. אמר רבא נשי דשכנציב אמרי הכי

שלישי פרק: איתרח. הזמן לי: דאמריתו. בשמים: אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. בגירסא. במסכת פסחים בפ' ואלו עוברין: מאי כולי האי. שאתה רודפני כ"כ בתוך הזמן היה לך להמתין עד שלשים כולם: דקא דחקת רגליה דבר נתן. הונא בר נתן מטא זימניה להיות נשיא וקא דחקת רגליה והכי אמרינן בפ' אד"מ בסנהדרין כדאגב ויגון: מיתה כמותה. מיתתו של זה כמיתה אחרים היה שבכל מתים: מימות רבי ועד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד והיינו נמי ואת הוה הונא בר נתן מיכף כייף ליה לרב אשי: לא הוה יכיל ליה. מה"מ: יתיב אארזא. עמוד של ארז שסמוך למדרשו של רב: אישתיק. רב (חסדא) מגרסיה מקול הארז נפקע: טרף. לשון בילים טרופות: קא מרחם מר אעני. דכבבור בית שאני עני מדד ללחם ושולח לי: אהבות גברא. כלומר עלי מדוע לא תרחם ותן לי נפשך ולא תטריחני לבא כמה פעמים דמתפקדנא לאייתי ליה למר בכהאי ענינא: אחוי ליה. מה"מ בוטא דנורא וגלי ליה דהוא מה"מ והבינא ליה רבי חייא את עצמו:

מאי אמרי. נשים כשהם מענות: ווי לה לאזלא.

---

האט רב ששת גזאגט צום מלאך המות ווילסט מיך הרגנן אין גאס אזוי ווי א בהמה. קום צו מיר אהיים. צו רב אשי איז גיזעהן גיווארען דער מלאך המות אין גאס אונ האט גיוואלט נעמען ביי איהם די נשמה. האט רב אשי גזאגט צום מלאך המות ווארט מיר דרייסיג טעג וועל איך איבער חזרין מיין לערנען. ווארום מען האט גזאגט אין הימעל וואוהל צוא דעם מענטש וואס קומט אהער אונ הט מיט גיבראכט זיין תורה וואס ער הט גילערנט; דעם דרייסיגסטען טאג איז דער מלאך המות גיקומען. הט רב אשי גזאגט צום מלאך המות וואס אייל סטו אזוי האסט גידארפט ווארטען ביז דער דרייסיגסטער טאג וועט אין גאנצען אוועק גיין. האט דער מלאך המות גזאגט צו רב אשי דיך שטויסען דיא פיס פון בר נתן. הונא בר נתן דארף שוין ווערין א נשיא אויף דיין ארט. דריבער מוזטו שוין אוועק גיין פון דער וועלט. אונ איין מלוכה רירט ניט אן די אנדערע אפילו איין האר אויך ניט. צו רב חסדא הט דער מלאך המות ניט גיקענט צו קומען. ווייל זיין מויל הט ניט אויף גיהערט צו לערנען. איז דער מלאך המות ארויף גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אויף דעם טענענבוים וואס איז גישטאנען נעבין בית המדרש. איז דער טענענבוים צו בראכען גיווארען. איז רב חסדא דער שראקין גיווארען פון דעם קלאפ. אונ האט ארגע געשוויגען. האט דער מלאך המות שוין גינומען ביי איהם די נשמה. דער מלאך המות הט ניט גיקענט צו קומען צו רבי חייא. אמאהל האט זיך דער מלאך המות פאר שטעלט פאר אארעם מאן; איז ער גיקומען אונ האט אן גיקלאפט אויף די טיר. הט רבי חייא גזאגט גיט אשטיקול ברויט צו דעם ארעם מאן. האט מען איהם גיגעבען אשטיקול ברויט. האט דער מלאך המות גזאגט צו רבי חייא דו האסט רחמנות אויף אארעם מאן פאר וואס האסטו אויף מיר ניט קיין רחמנות. מען הט מיך געשיקט צוא דיר איך זאל נעמען דיין נשמה. אונ איך קען זי גיט נעמען. הט זיך דער מלאך המות בעוויזען צו רבי חייא אז ער איז דער מלאך המות אונ ער הט אים געוויזען אפייערדיגע רוט. הט זיך רבי חייא איבער גיגעבען צום מלאך המות:

משנה. נשים. ווייבער מעגין חול המועד קלאגין אויף א מת נאר ניט קלאפען מיט דיא הענט פון ווענין צער. זאגט די גמרא וואס זאגען די ווייבער ווען זייא קלאגין. רב זאגט זייא זאגען ווי לאזלא. וויי איז צו אזוי אגיין אז מען קומט שוין ניט צוריק. ווי לחבילא. וויי איז צו אזוי אמשא וואס מען טראגט. רבא זאגט די ווייבער פון שכנציב זאגען אזוי ווי לאזלא.

עיי

הכי ווי לאזלא ווי לחבילא. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי גוד גרמא מכבא ונמטי מיא לאנטיכי. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי שיול אצטלא דמלתא לבר חרי דשלימא ווודיה. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי עמוף וכסי טורי דבר רברבי ובר רמי הוה. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי אחנא תגרי דאזבוני מיבדקי. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי רהיט ונפיל אמעברא זיפותא יזיף. ואמר רבא נשי דשכנציב אמרי מותא כמותא ומרעא חיבוליא:

**כמ תניא** היה רבי מאיר אומר (קהלת ז) טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה וגו' כאי והחי יתן אל לבו דברים של מיתה דיספד יספדוניה דיקבר

אוים לו לבליכם כזו שאינה חוזרת ואוי למשר כוס שנושאים את כמת (והר"ן פירש אוי לבולך לממושכנים עליו): גוד גרמא מככא. כפלו כלחיים: ונמטי מיא לאנטיכי. כלומר הדרי מיא למפרע כלפי מעלה: שיול. גולו בלשון נשי דשכנציב: אצטלא דמלתא. סבריכי מני יקרים. למאן אמרו הכי: לבר חרי דשלימא ווודיה. לבן חורין שירד מנכסיו אומרים כספד זה כדי שיתחמו עליו לעשות לו ארון ותכריכין: אחנא תגרי אחינו כסותרים: דאזבוני מיבדקי. כלומר כלה נראה עשרה כנזן זה שאין לו נכסיו במה ליקבר ועל מה עני אומרת אותו כדי שירחמוהו עליו: רהיט ונפיל וכו'. תגר וערקן היה כל ימיו ונכסיו נפל ריקן בלא ממון: אמעברא זיפותא יזיף. נכסיו כשמבקש לעבור מן העולם צריך ללות ממון לתכריכין. (ל"א רהיט ונפל בדיווי): ומרעא חיבוליא. אבל הגול גדול הולי גדול היה לו ויסורין קשין יותר משאר בני אדם החבולים רביה נחשב אליו חולי זה שנהלה חולי גדול משאר מהיה):

דברים של מיתה. וקרא מסרש הלמ דא מאי ניתנו דברים של מיתה: דיספד יספדוניה. פלא יאמר מה לי להספיד על מת בחינו קרובי הלא יתאוב

---

ווי איז צו אזוי אגיין אז מען קומט שוין ניט צוריק. ווי לחבילא. ווייי איז צו אזוי אמשא וואס מען טראגט. נאך האט רבא גזאגט די ווייבער פון שכנציב זאגען אזוי. די ציינער זענען ארויס גיצויגען גיווארען פון די באקין. אונ די וואסער איז צוריק גיגאנגען צו אנטיכי. אז דער מענטש קומט צו דיא אלטע יאהרען ווערט ער צוריק ווי ער איז גיבארען גיווארען. ער איז גיבארען אן ציין. צו דער עלטער פאלען איהם ארויס די ציין. אונ ער בלייבט צוריק אן ציין. דער נאך גייט ער צוריק פון וואגען ער איז גינומען גיווארען. ער איז בשאפען גיווארען פון ערד. אז ער שטארבט לייגט מען איהם אריין אין די ערד. אונ עס ווערט פון איהם ערד. נאך האט רבא גזאגט אז עס פלעגט שטארבען אזוי אמענטש וואס ער איז אמאהל גיוועזען רייך אונ איז גישטארבען ארעם. פלעגין די ווייבער פון שכנציב זאגען. שיול אצטלא דמלתא. מען זאל בארגין ריידענע תכריכים. לבר חרי דשלימא ווודיה. צו דעם מענטש וואס ער איז אמאהל גיוועזען רייך. אונ נאנט פאר זיין שטארבען איז ער ארעם גיווארען אונ האט ניט אויף תכריכים. זאלט איר זעהן איהם געבין שיינע תכריכים נאך זיין פריערדיגען כבוד. נאך הט רבא גזאגט אז איינער פלעגט שטארבען. פלעגין די ווייבער פון שכנציב זאגען. די בערג זאלען זיך איינוויקלען אונ בדעקין מיט פינסטערניש אונ טרויערין. ווארום דער וואס איז גישטארבען איז גיוועזען אגרויסער מאן. נאך הט רבא גזאגט אז אארעם מאן איז גישטארבען. פלעגין די ווייבער פון שכנציב זאגען. אונזערע ברידער. סוחרים. ביי דעם סוף פון זייער לעבין ווערט מען אויב זיי נעמען עפעס מיט פון זייער האנדיל. דריבער אז קיין מענטש נעמט גאר ניט מיט. טוהט צדקה אונ גיט אויף תכריכים פאר דעם ארעם מאן. נאך האט רבא גזאגט די ווייבער פון שכנציב פלעגין זאגען. די גאנצע צייט וואס דער מענטש לעבט יאגט ער נאך צו פאר דינגען געלט. אונ אז ער פאלט אונ שטארבט. אונ ער דארף אוועק גיין פון דער וועלט. בארף מען בארגין געלט אויף תכריכים. נאך האט רבא גזאגט אז איינער איז גישטארבען פון יסורים. פלעגין די ווייבער פון שכנציב זאגען. שטארבען ווי שטארבען. אלע מוזען שטארבען. אבער ווי שלעכט זענען גיוועזען די יסורים וואס דער מענטש האט גיהאט פאר דעם שטארבען:

**כמ תניא**. מיר האבען גילערנט. רבי מאיר פלעגט זאגען עס שטייט אין פסוק עס איז בעסער צו גיין צו אאבל ווי צו גיין אויף אמשתה. ווייל ביי אאבל ווערט מען דעם סוף פון מענטש. ווערט דער לעבעדיגער געבין צו זיין הארץ. וואס ווערט ער געבין צוא זיין הארץ די זאכען וואס גיהערין צום טויטען. דער וואס איז מספיד. ווערט מען איהם בספיד זיין. דער

חשוב כלב שאם יספוד יספדוהו : דיטען . אחרים לקבורה : דידל . המרים קול בהספד : א"ד די לא ידל ידלוניה . מי שלא מרים עצמו בגסות אבל הוא משפל עצמו מרימין לו מן השמים : שנאמר כי טוב אמר לך עלה הנה . טוב שתעלה ברשות ולא בגאוה שלא ברשות וישפילוך וירחיקוך מאצלם : והפריח רבותיו . שבאין לנחמו : ראשונה ושניה. שני בנים מתו לו בשתי פעמים : לא עשו אלא מצוה אחת ביום שמתו . ועל שם אותה מצוה שעשו בו ביום שבת היה יום ראשון למלאת ידם נאמר ואחיכם כל בית ישראל יבכו בניו של רבי שלמדו ולימדו תורה וקיימו מצות עאכ"ו שהם ראויים לספדם : מה אביה . בנו של ירבעם: שלא עשה אלא מצוה אחת. . וע"ש אותה מצוה שעשה משבחו הכתוב ואומר וספדו לו כל ישראל יען כי

דיקבר יקברוניה דיטען יטענוניה (דילוה ילווניה) דידל ידלוניה . ואיכא דאמרי די לא ידל ידלוניה דכתיב (משלי כה) כי טוב אמר לך עלה הנה מהשפילך לפני נדיב אשר ראו עיניך :

**ת"ר** כשמתו בניו של רבי ישמעאל נכנסו ארבעה זקנים לנחמו רבי טרפון ורבי יוסי הגלילי ורבי אלעזר בן עזריה ורבי עקיבא אמר להם רבי טרפון דעו שחכם גדול הוא ובקי בהגדות הוא ואל יכנס אחד מכם לתוך דברי חבירו אמר רבי עקיבא ואני אחרון פתח רבי ישמעאל ואמר רבו עונותיו תכפוהו אבליו הטריח רבותיו פעם ראשונה ושניה נענה רבי טרפון ואמר (ויקרא י) ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה' והלא דברים קל וחומר ומה נדב ואביהוא שלא עשו אלא מצוה אחת דכתיב (שם ט) ויקריבו בני אהרן את הדם אליו כך בניו של רבי עאכו"כ נענה רבי יוסי הגלילי ואמר (מלכים א יד) וספדו לו כל ישראל וקברו אותו וגו' והלא דברים ק"ו ומה אביה בן ירבעם שלא עשה אלא דבר אחד טוב

---

וואס בגראבט דעם מת . וועט מען איהם בגראבען . דער וואס טראגט דעם מת צום בגראבען . וועט מען איהם טראגען צום בגראבען . דער וואס וויינט מיט אהויכען קול ביי דעם הספד . וועט מען וויינען ביי זיין הספד אויך מיט אהויכען קול . אנדערע זאגען דער מענטש וואס איז ניט גרוים ביי זיך נאר ער איז זיך מטריח פון וועגען דעם מת . וועט איהם גאט גרויס מאכען . ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז בעסער אז אמענטש זעצט זיך נידעריג אונ מען בעט אים ער זאל ארויף גיין העכער . איידער מען איז גרויס ביי זיך . אונ מען זעצט זיך אויף אהויכען ארט . אונ דער נאך אז אגרעסערער פון איהם קומט . הייסט מען איהם ער זאל זיך זעצען נידעריגער . וואס פיל מאהל האבען דיינע אויגען געזעהן אז עס איז אזוי :

**תנו רבנן** . דיא רבנן האבען גילערנט ווען דיא קינדער פון רבי ישמעאל זענען געשטארבען (צוויי זיהן זענען ביי איהם געשטארבען איינער נאך דעם אנדערינם שבעה) . זענען אריין גיגאנגען פיר אלטע מענטשין צו רבי ישמעאל צו טרייסטען איהם . רבי טרפון אונ רבי יוסי הגלילי אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי עקיבא . האט רבי טרפון גזאגט צו די דריי איר זאלט וויסען אז רבי ישמעאל איז אגרויסער חכם אונ ער ווייס פיל אגדתות אז איינער פון אונז וועט עפעס זאגען זאל זיך דער אנדערער ניט אריין מישען אין זיינע רייד . האט רבי עקיבא גזאגט אונ איך וועל זאגען צום לעצטין . האט רבי ישמעאל אן גיהויבען צו זאגען זיינע זינד זענען פיל . די אבלות איז גיקומען איינע נאך די אנדערע . ער האט מטריח גיוועזען דיא רבנן וואס זענען גיקומען איהם טרייסטען . איין מאהל אונ באלד נאך אמאהל . האט רבי טרפון גזאגט עס שטייט אין פסוק אויף נדב ואביהוא ווען זיי זענען געשטארבען . אייערע ברידער דאס זענען אלע יודען זאלען וויינען אויף דעם ברענונג וואס גאט האט פאר ברענט . איז דאך אקל וחומר . מאדאך נדב ואביהוא וואס זייא האבען נאר גיטאהן איין מצוה אין דעם טאג וואס זיי זענען געשטארבען . וואס איז גיוועזען די מצוה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די קינדער פון אהרן האבען גיטראגען די בלוט צו אהרן . האט מען גיהייסען אז אלע יודען זאלען אויף זיי וויינען . די קינדער פון אונזער רבי (פון רבי ישמעאל) וואס זייא האבען גילערנט תורה אונ האבען גיטאהן פיל מצות . איז געוויס אז אלע יודען דארפען וויינען אויף זייער שטארבען . דער נאך האט רבי יוסי הגלילי גזאגט עס שטייט אין פסוק ביי דעם זוהן פון ירבעם בן נבט אלע יודען וועלען איהם מספיד זיין אונ וועלין איהם בגראבען . איז דאך אקל וחומר . מאדאך אביה

טוב דכתיב ביה (שם) יען נמצא בו דבר טוב כך בניו של רבי על אחת כמה וכמה מאי דבר טוב רבי (איבא) [זירא] ורבי חנינא בר פפא חד אמר שבטל משמרתו ועלה לרגל וחד אמר שבטל פרדסאות שהושיב אביו על הדרכים שלא יעלו ישראל לרגל. נענה רבי אלעזר בן עזריה ואמר (ירמיה לד) בשלום תמות ובמשרפות אבותיך (המלכים) הראשונים וגו׳ והלא דברים קל וחומר ומה צדקיהו מלך יהודה שלא עשה אלא מצוה אחת שהעלה ירמיה מן הטיט כך בניו של רבי על אחת כמה וכמה. נענה רבי עקיבא ואמר (זכריה יב) ביום ההוא יגדל המספד בירושלים כמספד הדדרמון בבקעת מגדו ואמר רב יוסף אלמלא תרגומא דהאי קרא לא הוה ידענא מאי קאמר בעידנא ההיא יסגי מספדא בירושלים כמספדא דאחאב בר עמרי דקטיל יתיה הדדרמון בר טברימון וכמספד יאשיה בר אמון דקטל יתיה פרעה חגירא בבקעת מגדו והלא דברים קל והומר ומה אחאב מלך ישראל שלא עשה אלא דבר אחד טוב דכתיב והמלך

שנמצא בו דבר טוב אביה בן ירבעם בטל משמרתו וגדולתו אומנות המלך: ועלה לרגל. ולא הקפיד על מה שהקפיד אביו דכתיב עתה תשוב הממלכה לבית דוד אם ילכו ישראל לרגל ויראו מלכות בית דוד יושבין בעזרה ואני לא אשב בעזרה שאין יושבים בעזרה אלא למלכות בית דוד לבד: פרדסאות. אורבים כדי שיהיו לעולים ואביה לא הקפיד בכך וכשהגיע משמרתו לשמור הדרך ביטלה והיו יכולין לעלות כל הרוצים לעלות: ובמשרפות אבותיך. ששורפין על המלכים לאחר מיתתן כל כלי תשמישן: שלא עשה אלא מצוה אחת. סמוך למיתתו על שם אותה מצוה שהעלה ירמיה מן הטיט זכה למשרפות אבותיו ולמות בשלום וספדו עליו הוי אדון ההי מצוה דקא חשיב לא קאמר אלא אותן מצות שסמוך למיתה שבשביל אותה מצות זכו להספד דלדקים ונדב ואביהוא הרבה מצות קיימו בישראל. ואחאב נמי קיים מצות דהא אשכחן ביה מצוה דלא חשיב לה דכתיב ויהס שק על בשרו ויצום וישכב בשק ויהלך אט וכתיב הראית כי נכנע אחאב: לא הוה ידענא מה הוא. דמשמע מספד כהדדרמון בבקעת

---

אביה דער זוהן פון ירבעם וואס ער האט ניט מער גיטאהן נאר איין גוטע זאך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל עס איז גיפונגען גיווארין אין איהם איין גוטע זאך. האט מען גיזאגט אז אלע יודען וועלין איהם מספיד זיין. די קינדער פון אונזער רבי וואס זייא האבען גילערנט תורה אונ האבען גיטאהן פיל מצות. איז געווים אז אלע יודין דארפען זיי מספיד זיין. זאגט די גמרא וואס איז די גוטע זאך וואס דער זוהן פון ירבעם האט גיטאהן. קריגען אין דעם רבי זירא אונ רבי חנינא בר פפא. איינער זאגט ער האט אוועק גילייגט זיין גרויסקייט אונ איז גיגאנגען אויף יום טוב אין ירושלים. אונ איינער זאגט אביה אליין איז ניט גיגאנגען אין ירושלים. נאר אז דער פאטער האט איהם גישטעלט אויף דעם וועג צו היטען די יודען זאלען ניט גיין אין ירושלים. האט ער אוועק געטריבען די היטערם וואס דער פאטער הט גישטעלט אויף די וועגין אז די יודען זאלען ניט גיין אין ירושלים אויף יום טוב. נאר ווער עס האט גיוואלט איז גיגאנגען. דער נאך האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט ביי צדקיהו המלך שטייט דו וועסט שטארבען מיט פרידען. אונ אזוי ווי מען הט פאר ברענט אויף אלע דיינע עלטערין די פריערדיגע מלכים די קליידער אונ אלע זאכען וואס זיי האבען גענוצט. אזוי וועט מען פאר ברענען אויף דיר אויך. אונ אלע וועלען דיך מספיד זיין. איז דאך א קל וחומר. מאדאך צדקיהו דער מלך פון יהודה וואס ער האט ניט מער גיטאהן נאר איין מצוה. וואס ער האט ארויס גינומען ירמיה הנביא פון ליים. הט מען גזאגט אז אלע וועלין איהם מספיד זיין. די קינדער פון אונזער רבי וואס זיי האבען גילערנט תורה אונ האבען גיטאהן פיל מצות. איז געווים אז אלע דארפען זיי מספיד זיין. דער נאך הט רבי עקיבא גזאגט עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועט זיין א גרויסער הספד אין ירושלים. אזוי וויא דער הספד וואס עס איז גיוועז פון הדדרמון אין דעם טאהל מגדו. האט רב יוסף גזאגט ווען ניט דער תרגום פון דעם פסוק וואלט איך ניט גיוואוסט וואס דער פסוק זאגט ווי קומט הדדרמון צו דעם טאהל. דער תרגום זאגט אין דער צייט וועט זיין א גרויסער הספד אין ירושלים אזוי ווי דער הספד פון אחאב בן עמרי וואס איהם הט גיהרגת הדדרמון בר טברמון. אונ אזוי וויא דער הספד פון יאשיה בר אמון וואס איהם האט גיהרגת דער הינקעדיקער פרעה אין דעם טאהל מגדו. איז דאך א קל וחומר. מאדאך אחאב דער מלך פון ישראל וואס ער האט ניט מער גיטאהן נאר איין זאך א גוטע

אזוי

מגדו חדא מלחמת הוא: והמלך היה מעמד במרכבה נכח ארם. לעפ"כ היה מחזיק עצמו במלחמה כדי שלא ינוסו ישראל ולא יהרגו: כצפורי בפי הושט. כחבל שיש בו קשר ויוצא בקושי מן הפוך: פיטורי:

(מלכים א כב) והמלך היה מעמד במרכבה נכח ארם וימת בערב כך בניו של רבי על אחת כמה וכמה אמר ליה רבא לרבה בר מרי כתיב ביה בצדקיהו (ירמיה לד) בשלום תמות וכתיב (שם לט) ואת עיני צדקיהו עור אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן שמת נבוכדנאצר בימיו ואמר ליה רבא לרבה בר מרי כתיב ביה ביאשיהו (מ"ב כב) הנני אוסיפך על אבותיך ונאספת אל קברותיך בשלום וכתיב (ד"ה ב לה) ויורו היורים למלך יאשיהו ואמר רב יהודה [אמר רב] שעשאוהו ככברה אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן שלא חרב בית המקדש בימיו. אמר רבי חנינא קשה יציאת נשמה מן הגוף (דף כט) כציפורי בפי הוושט רבי יוחנן אמר כפיטורי בפי וושט אמר רבי לוי בר חיתא הנפטר מן המת לא יאמר לו לך לשלום אלא לך בשלום הנפטר מן החי לא יאמר לו לך בשלום אלא לך לשלום. הנפטר מן המת לא יאמר לו לך לשלום אלא לך בשלום שנאמר (בראשית טו) ואתה תבוא אל אבותיך בשלום. הנפטר מן החי לא יאמר לו לך בשלום אלא לך לשלום שהרי יתרו שאמר למשה (שמות ד) לך לשלום הלך והצליח דוד אמר לאבשלום (ש"ב טו) לך בשלום הלך ונתלה. ואמר רבי לוי כל היוצא מבית הכנסת לבית המדרש ומבית המדרש לבית

---

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער מלך איז געשטאנען אין זיין רייט וואגען געגען ארם אנאנצען טאג און פארין נאכט איז ער געשטארבען. אפילו ער איז שוין קראנק געווען פון דעסטוועגען איז ער געשטאנען אין דער מלחמה די יודען זאלען ניט אנטלויפען זיי זאלען ניט געהרגת ווערין. הט מען איהם מספיד געווען. די קינדער פון אונזער רבי וואס זיי האבען געלערנט תורה און האבען געטאהן פיל מצות. איז געוויס אז אלע בארפען זיי מספיד זיין. רבא האט געזאגט צו רבה בר מרי עס שטייט ביי צדקיהו דוא וועסט שטארבען מיט שלום. און עס שטייט אין פסוק די אויגען פון צדקיהו האט מען בלינד געמאכט. איז ער דאך ניט געשטארבען מיט שלום. האט רבה געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן דער שלום איז געווען וואס נבוכדנצר איז געשטארבען אין זיינע צייטען. נאך האט געזאגט רבא צו רבה בר מרי עס שטייט ביי יאשיהו גאט הט געזאגט איך וועל דיך איין זאמלען צו דיינע עלטערין. און דוא וועסט איין געזאמעלט ווערין צו דיינע קברים מיט שלום. און עס שטייט די וואס ווארפען מיט פיילען האבען געווארפען אפייל צום מלך יאשיהו און האבען איהם געהרגת. און רב יהודה זאגט פון רבס וועגין מען הט אין יאשיהו אריין געשאסען אזוי פיל פיילען אז מען האט אין איהם געמאכט אזוי פיל לעכער ווי אין אזיפ. איז ער דאך ניט געשטארבען מיט שלום. האט רבה געזאגט אזוי הט געזאגט רבי יוחנן. דער שלום איז געווען וואס דער בית המקדש איז ניט חרוב געווארען אין זיינע צייטען. רבי חנינא האט געזאגט די נשמה גייט ארויס פון גוף אזוי שווער. ווי שווער עס איז ארויס צו ציהען דעם שטריק פון די ברעט פון שיף. רבי יוחנן זאגט ווי שווער עס איז ארויס צו ציהען דעם שטריק וואס מיט איהם זענען צו זאמען געבונדען געווארען צוויי שיפען. רבי לוי בר חיתא האט געזאגט דער וואס גייט אוועק פון אמת זאל ער ניט זאגען צו איהם גיי צו שלום. נאר ער זאל זאגען גיי מיט שלום. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו אברהם דוא וועסט קומען צו דיינע עלטערין מיט שלום. און דער וואס גייט אוועק פון אלעבעדיגען. זאל ער ניט זאגען צו איהם גיי מיט שלום. נאר ער זאל זאגען גיי צו שלום. ווארום יתרו האט געזאגט צו משה גיי צו שלום. איז משה געגאנגען און האט בגליקט. דוד האט געזאגט צו אבשלום גיי מיט שלום. איז אבשלום געגאנגען און איז אויף געהאנגען געווארען. ווארום צו שלום מיינט מען צו דעם שלום וואס וועט צו איהם קומען. און מיט שלום מיינט מען דעם שלום וואס ער האט שוין. און מער זאל ער שוין ניט האבען. נאך האט רבי לוי געזאגט דער וואס גייט פון שוהל אין בית המדרש לערנען תורה. און פון בית המדרש

אין

לבית הכנסת זוכה ומקבל פני שכינה שנאמר (תהלים סד) ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלהים בציון . אמר רבי חייא בר אשי אמר רב תלמידי חכמים אין להם מנוחה אפילו לעולם הבא שנאמר ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלהים בציון :

שקוברין שני ספיסות כיחד : אין להם מנוחה . לשבת שאמר והולכין מב"ע לרקיע ומרקיע לב"ע לקייל ולמצות שנאמר ילכו מחיל אל חיל וגו' :

# סליק מסכת מועד קטן

אין שוהל דאוונען . וועט ער זוכה זיין צו זעהן די שכינה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ילכו מחיל אל חיל . אז זיי גייען פון איין פערזאמלונג צו די אנדערע פערזאמלונג . וועלען זייא זוכה זיין צו זעהן גאט אין ציון . רבי חייא בר אשי האט גזאגט פון רבס וועגן די תלמידי חכמים האבען ניט קיין אפ רוהונג אפילו אויף יענע וועלט אויך ניט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי וועלען גיין פון איין פערזאמלונג צו די אנדערע פערזאמלונג . פון איין גן עדן אין דעם אנדערין גן עדן . אונ זייא וועלען גיזעהן ווערין פאר גאט אין דעם ציון אונ ירושלים הם אויף דעם הימעל

## הכל חייבין פרק ראשון חגיגה

(דף ג) [מתני' הכל חייבין בראיה כו' : **גמ' הכל** לאתויי מאי לאתויי סומא באחת מעיניו] **ודלא** כי האי תנא דתניא יוחנן בן דהבאי אומר משום רבי יוסי סומא באחד מעיניו פטור מן הראיה שנאמר (שמות כג) יראה יראה כדרך שבא לראות כך בא ליראות מה לראות בשתי עיניו כך ליראות בשתי עיניו :

יראה יראה. יראה כתיב וקרינן יראה יראה כל זכורך אל פני האדון דמשמע שהאדון רואה אם הסכימה יראה כל זכורך אל פני האדון משמע שהאדון בא לראותך וקיים הכתוב ראייתך לראייתו : כדרך שבא לראותך כך בא ליראות ממך. מה לראותך בשתי עיניו אף כאן ליראות מן האדם בשתי עיניו :
הלכתא. משניות. מכאן הוכיחו בגמרא שהאלם יש לו כח ללמוד מה ששומע : שנקרא נדיב. על שנדבו לבו להכיר בוראו : נדיבי עמים. הם הגרים המתנדבים מן העמים לקבל עליהם עול

(דף ג) **ב הנהו** תרי אלמי דהוו בשבבותיה דרבי בני ברתיה דרבי יוחנן בן גודגדא ואמרי לה בני אחתיה דרבי יוחנן דכל אימת דהוה עייל רבי לבי מדרשא הוו עיילי ויתבי קמיה ומניידי ברישייהו ומרחשי בשיפוותייהו ובעי רבי רחמי עלייהו ואיתסו ואשתכח דהוו גמירי הלכתא וספרא וספרי ותוספתא וכולי גמרא :

**דרש** רבא מאי דכתיב (שה"ש ז) מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב כמה יפין רגליהן של ישראל בנעלים בשעה שעולין לרגל בת נדיב בתו של אברהם שנקרא נדיב שנאמר (תהלים מז) נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם וכי אלהי אברהם ולא אלהי יצחק ויעקב

---

## פרק ראשון

**א** מתניתין. הכל. אלע יודען מוזען גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען מיט דעם ווארט אלע. זאל שטיין דיא יודען מוזען גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. ווער איך אליין ווייסען אז מען מיינט אלע יודען. ענטפערט די גמרא דער ווארט אלע ווייזט אפילו דער וואס האט איין אויג אבלינדע מוז אויך קומען יום טוב אין בית המקדש. אונ ניט אזוי ווי דער תנא. ווארום מיר האבען גילערענט יוחנן בן דהבאי זאגט פון רבי יהודה'ס וועגין דער וואס איז בלינד אויף איין אויג דארף ניט גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק יראה כל זכורך אל פני האדון. איז דער פייטש דיינע אלע זכרים זאלען זעהן דעם הערר גאט. אונ מיר לייענען יראה כל זכורך. דיינע אלע זכרים זאלען גיזעהן ווערין פון גאט. דאס הייסט גאט וועט זעהן אין בית המקדש דיינע אלע זכרים. אזוי ווי גאט קומט דיך זעהן. אזוי קומט גאט גיזעהן ווערין פון דיר. דו זאלסט איהם זעהן. אזוי ווי גאט קומט דיך זעהן מיט זיינע צוויי אויגען. אזוי קומט גאט גיזעהן ווערין פון דיר מיט דיינע צוויי אויגען. אבער דער וואס האט נאר איין אויג. דארף ניט גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. אונ די משנה זאגט ניט אזוי. נאר דער וואס איז בלינד אויף איין אויג מוז אויך גיזעהן ווערין אין בית המקדש :

**ב** הנהו. עס זענען אמאהל גיווען צוויי שטומע וואס האבען גיוואוינט נאנט פון רבי. די שטומע זענען גיוועזן די זוהן פון רבי יוחנן בן גודגדא'ס טאכטער. אנדערע זאגען זיי זענען גיוועזן די זיהן פון רבי יוחנן'ס שוועסטער. ווען רבי פלעגט אריין גיין אין בית המדרש. פלעגין אריין גיין די צוויי שטומע אויך אין בית המדרש. אונ פלעגין זיצען פאר רבי. אונ פלעגין שאקלען מיט זייערע קעפ. אונ שאקלען מיט זייערע ליפצין. האט רבי מתפלל גיוועזן אויף זיי אונ זיי זענען גיזונד גיווארען. אונ האבען אן גיהויבען צו רעדען. האט מען גיפונען אז זיא האבען גילערענט משניות אונ ספרא אונ ספרי אונ תוספתא אונ די גאנצע גמרא :

דרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב. ווי שיין זענען גיוועזן די טריט פון די יודען ווען זייא זענען אויף גיגאנגען אין ירושלים אויף יום טוב. בת נדיב. די יודען ווערין גירופען די טאכטער פון אברהם אבינו וואס ער הייסט נדיב. ווייל זיין הארץ האט איהם בווילינגט צו דינען גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די פעלקער וואס